The Hebrew Journal

דער אידישער
זשורנאל

The Hebrew Journal

THE ONLY
JEWISH DAILY
IN ONTARIO.

די איינציגע
אידישע צייטונג
אין אנטעריא.

VOLUME III. No. 913 Toronto, Tuesday February 22nd. 1916 יח אדר א פרשה ויקהל תרעו דיענסטאג, 22־טער פעברואר 1916 PRICE : ONE CENT

A S Freidus New York
The Library
Public
476 Fifth Ave
NEW YORK CITY

די רוסען האבען שוין באלד גאנץ ארמעניען אין זייערע הענד

פעטראגראד פעברואר 21

א דעפעשע פון טיפליס צו דער בירזשעוואיא גאזעטא זאגט, דאס צוויי טערקישע ארמיי קארפוסען, וועלכע זיינען געווען אויף'ן וועג צו פערשטארקען ערזערום, האבען זיך צוריקגעקעהרט ווען מען האט זיי מודיע געווען אז די שטאדט איז געפאלען.

לאנדאן פעברואר 21

די רוסען האבען פערנומען די גאנצע געגענד פון טייך וואן, די טערקען ציהענדיג זיך צוריק צו דרום זייט; און, לויט א פעטראגראדער דעפעשע וואס איז אין רוים ערהאלטען געווארען, ליידיגען די טערקען אויס ביטליס.

לויט דערזעלבער דעפעשע, איז דער רוסישער אוואנגארד אנגעקומען ניט ווייט פון טרעביזאנד, וועלכע געפינט זיך אויף'ן ברעג פון שווארצען ים.

א צווייטע דעפעשע פון פעטראגראד בעריכטעט דאס איינע פון די קאווקאזער ארמייען פון גרויס פירשט ניקאלאי מארשירט שנעל צו דיארבעקר, אויף'ן טייך טיגרים, און אין דערזעלבער צייט פערפאלגט זי די טערקישע הינטערשטע ארמיי און פערורזאכט שווערע פערלוסטען.

דיארבעקר געפינט זיך וועניגער ווי 75 מייל ווייט פון דער אייזענבאהן וואס געהט פון קאנסטאנטינאפאל קיין באגדאד, די איינציגע פערבינדונגס ליניע פאר די טערקען אין מעסאפאטאמיען. איין טערקישע ארמיי וועלכע בילדעט דעם לינקען פליגעל פאלט שנעל צוריק קיין טרעביזאנד.

דער עלפטער טערקישער ארמיי קארפוס שלעפט זיך ארום אין שנעע אין מערב זייט פון ערזערום און וויל זיך דערשלאגען ביז ערזינגאן, וועהרענדיג פון צייט צו צייט אטאקירט פון די רוסען.

א דריטער טערקישער קארפוס אויף'ן רעכטען פליגעל איז איזאלירט געווארען פון די ארמייען אין צפון זייט און ער געפינט זיך אין א ריזיקע אבגעשניטען און געכאפט צו ווערען.

א היינטיגע דעפעשע בעריכטעט דאס די ארמענישע שטאדט פאסור אקבעסין איז גענומען געווארען פון דעם רוסישען לינקען פליגעל. זי געפינט זיך 35 מייל אין דרום מערב פון מוש.

שווערע פערלוסטען

מען שמועסט דאס די טערקישע פערלוסטען אין די לעצטע צוויי וואכען אין די שלאכטען מיט די רוסען האבען פערלוירען אונגעפעהר הונדערט טויזענד געטויטעט, פערוואונדעט און געפאנגען.

א טהייל פון דער רוסישער אינוואזיאנס ארמיי אין צפון ארמעניען געהט דערווייל קיין טרעביזאנד, בעגעגנענדיג אויף'ן וועג א גאנץ שוואכען ווידערשטאנד פון די טערקען.

די טערקישע ארמייען ליידען פון מאנגעל אין שפייז און אין אמוניציאן.

גרויס פירשט ניקאלאי וועט וואהרשיינליך ענדערען די הויפט קווארטיר פון טיפליס קיין ערזערום.

אויף דער לענג פון שווארצען ים באמבארדירען רוסישע קריעגס שיפען, וואס האלטען זיך תמיד ביי די ברעגעס טערקישע שטעדט.

עס ווערט ערווארטעט דאס די רוסען וועלען נאך די וואך האבען בעזיעגט גאנץ ארמעניען.

דייטשע פאזיציאנען אטאקירט

פאריז, פעברואר 21

דער קריעגס אפיס בעריכטעט :

די אפעראציעס מצד דער ארטילעריע אויף ביידע זייטען איז ניט געווען שטארק אויף'ן גאנצען פראנט, אויסער אין צפון זייט פון ווערדון, וואו עס איז יא עטוואס טהעטיגקייט פארגעקומען.

אין דער ארטוא געגענד, אין צפון מערב פון בארג נומער 140 האט דער שונא פערזוכט אהן ערפאלג צוויי לאקאלע אטאקען מיט גראנאטען.

"אן עסקאדראן פון פינף פראנצויזישע עראפליינס האט באמבארדירט די אמוניציאנס דעפאס פון שונא ביי שאטא דעמארטינקור און ביי אזודאנגא, אין דרום מערב און אין דרום מזרח פון דיוזע.

דייטשע עראפליינס האבען אראבגעווארפען איינינע באמבעס פאריגע נאכט אויף לונוויל, דאמבאזל און אויף נאנסי. זיי האבען פערורזאכט בלויז וועניג שאדען.

שלאכטען אין צפון פון איפר

בערלין פעברואר 21

דער קריעגס אפיס בעריכטעט :

אין צפון זייט פון איפר, האבען די ענגלישע געמאכט אן אטאקע מיט האנדגראנאטען געגען אונזער נייער פאזיציאן אויף'ן קאנאל, זי איז אבער צוריקגעשטויסען געווארען. אין דרום זייט פון לאא (אין ארטוא) האט אונז דער שונא געצוואונגען זיך צוריק צו ציהען פון א שלונד וועלכען מיר האבען געהאט פערנומען. אויף דער לענג פון וועג פון לאנסארא האט דער שונא געמאכט אן ערפאלגרייכע טאקע געגען אונזערע אפזיציאנען.

אונזערע עראפליינס האבען אטאקירט דעם שונא'ס פאזיציאנען ביי פורנע און פאפערינגהע, אין בעלגיען און אמיען און לונוויל אין פראנקרייך. די אטאקען זיינען געווען ער פאלגרייך.

"רוסישע אטאקען אויף'ן מזרח שלאכטפעלד פאר דווינסק זיינען ניט געלונגען. שוואכערע אטאקען זיינען פון די רוסען געמאכט געווארען אויף אנדערע פונקטען אויף דיזען פראנט, אלע זיינען אבער צוריק געשטויסען געווארען.

אויף'ן באלקאן איז קיין ענדערונג פארגעקומען.

טערקישע קראפט סטאציאן באמבארדירט

לאנדאן פעברואר 21

טערקישע עראפליינס האבען אטאקירט די ענגלישע פאזיציאן ביי קוט על אמארא פעברואר דעם 17־טען און דעם 19־טען, זיי האבען אבער קיין ערנסטען שאדען ניט פערורזאכט, איז היינט אנאנסירט געווען. זאנסט איז די לאגע אין מעסאפאטאמיען ניט געענדערט.

א טערקישע סטאציאן פון קראפט (עלעקטרישע) ביי על האסאנא איז פערניכטעט געווארען דורך איינעם - פון די ענגלישע אוויאטארען פון אן עגיפטישען באזיס, היינטיגען שבת.

דאס וואס די טערקען בעהויפטען אז דאס ענגלישע מיליטער ביי שעיק אסמאן איז פערניכטעט געווארען איז אבגעלייקענט געווארען אין הויז אף קאמאנס פון אסטען טשעמבערליין, דער סעקרעטער פאר אינדיען. עס איז ערקלעהרט געווארען אז דאס ענגלישע מיליטער ביי שעיק אסמאן האט זיך צוריקגעצויגען נאכדעם ווי זיי האבען געליטען פאלגענדע אונגליקס פעלע :

געטויטעט איין אפיציער און פיער אינדיאנער; פערוואונדעט, פיער ענגלישע און פינף און דרייסיג אינדיאנער סאלדאטען.

קעניג דזשאדזש שוין געזונד

לאנדאן פעברואר 21

קעניג דזשארדזש איז שוין ווידער פאלשטענדיג געזונד. זיינע דאקטוירים האבען איהם ערלויבט ווידער צו בעזוכען די טרופען וועלכע ווערען עקזערצירט.

ווי בעקאנט איז דער קעניג אראבגעפאלען פון א פערד, ענדע אקטאבער, זייענדיג אויף א בעזוך אויף'ן קאנטינענט ביים ענגלישען פראנט.

גרויסע שלאכטען אין די וואלקענס

לאנדאן פעברואר 21

היינט איז אפיציעל בעריכטעט געווארען דאס ענגלישע און פראנצויזישע עראפליינס האבען געמאכט אנפאלען אויף א גאנץ גרויסען מאסשטאב, אז פראנצויזישע הארמאטען האבען פערניכטעט א צעפעלין און דאס קאנאנען האבען אראב געבראכט זעקס דייטשע עראפליינס, איין פאקקער, אן אלבאטראס און פיער מחבלים פון אן אנדער סארט.

דער פראנצויזישער קריעגס אפיס ערקלעהרט דאס א צעפעלין איז היינט אראב געבראכט געווארען פון פראנצויזישע הארמאטען אין דער נאכבארשאפט פון בראבאן לע רוא, אין דער מעאוז. דער צעפעלין איז געפלויגען פון סיינט מענעהולד צו דרום זייט צו און ער איז אטאקירט געווארען פון א קאנאן פון רעוויני. א באמבע האט איהם געטראפען און אין פלאמען איז דער צעפעלין אראבגעפאלען אין דער נאכבארשאפט פון בראבאן־לע רוא.

דער ענגלישער אפיציעלער בעריכט לויטעט ווי פאלגט :

"געכטען איז אן אטאקע אויף'ן שונא'ס דעפאס ביי דאן (אונגעפעהר 12 מייל צו דרום מערב פון לילל) אויסגעפיהרט געווארען פון 26 עראפליינס. מען גלויבט אז דאס האט פערורזאכט גרויסען שאדען צו מאגאזינען און אייזענבאהנען. אלע מאשינען זיינען צוריק געקומען גאנץ.

דעם שונא'ס לופט ארמיי האט געמאכט איינינע אטאקען אין משך פון די לעצטע עטליכע נעכט אויף פערשיעדענע שטעדט אין אונזערע מקומות מיט קיין מיליטערישע רעזולטאטען. איינינע ציווילע זיינען, יעדענפאלס, יא געטויטעט געווארען.

פיעלע לופט שלאכטען

דער פראנצויזישער אפיציעלער בעריכט לויטעט :

"דער טאג האט זיך אויסגעצייכענט מיט א צאהל לופט שלאכטען.

איבער טאנסדארף, אין מזרח פון אלטקירך, האט איינע פון אונזערע עראפליינס אטאקירענדיג א פאקער גאנץ נאהענט, האט 15 מאל אויף איהם געשאסען. דעם שונא'ס מאשין — דער פאקער עראפליין הייסט דאס — האט זיך אויסגעבויגען אויף'ן רעכטען פליגעל און איז דאן אראבגעפאלען.

אין געגענד פון עפינאל איז אן אלבאטראס עראפליין אראבגעבראכט געווארען דורך אונזער ארטילעריע פייער אין דעם בור ראיאן צפון זייט פון וואלד פאררוא, איז א דייטשע מאשין וועלכע איז אטאקירט געווארען פון צוויי פון אונזערע מאשינען אראבגעבראכט געווארען צו דער ערד אין אונזערע ליניעס. דער שטייערמאן און דער פאסאזשיר זיינען געטויטעט געווארען.

אין ראיאן ווינעל—לעז—האטאנשאטעל איז פארגעקומען א שלאכט צווישען אן עסקאדראן פון זיבען פראנצויזישע עראפליינס און פיער דייטשע, צוויי פון די פיער זיינען געצוואונגען געווען זיך אראב צו לאזען און צוויי איז געלונגען צו אנטלויפען.

"דעם שונא'ס עראפליינס האבען באמבארדירט פיזם, באר לע דאק און רעוויני. נעבען רעוויני איז פארגעקומען א שלאכט צווישען א שונא'ס עסקאדראן וועלכער איז בעשטאנען פון 15 מאשינען און : "יערער" אן עסקאדראן. דער רעזולטאט איז געווען דאס איין דייטשע מאשין איז אראבגעקלאפט געווארען נעבען זשיווירי אן ארגאן.

די צוויי אוויאטארען זיינען געפאנגען געווארען. א צווייטער דייטשער עראפליין איז פערפאלגט געווארען ביז אין די דייטשע ליניעס

איינע פון אונזערע באמבארדירענדע גרופען וועלכע בעשטעהט פון 17 מאשינען האט געווארפען 66 באמבעס פון שווערען סארט אויף דעם אוויאציאנס פעלד ביי האבשיים און אויך אויף דער פראבט סטאציאן ביי מולהויזען, אן אנדער גרופע פון 28 מאשינען האט אראב געווארפען א צאהל פון באמבעס אויף'ן שונא'ס אמוניציאנס פאבריק אין פאני סיר מאזעלל, נאך אט דיזע אלע אפעראציעס זיינען אלע מאשינען צוריקגעקומען יערע אויף איהר ארט."

דער דייטשער שפיאן לינקאלן ווידער ארעסטירט

נוי יארק פעברואר 21

איגנאץ לינקאלן, דער געוועזענער מיטגליעד פון דעם ענגלישען פארלאמענט וועלכער האט זיך אליין ארויסגעגעבען אז ער איז געווען א דייטשער שפיאן און וועלכער איז דעם 15 טען יאנואר אנטלאפען פון פריזאן, איז נעכטען ווידער ארעסטירט געווארען ארום א רעסטאראנט אויף בראדוויי. ער איז אבגעפיהרט געווארען אין ריימאנד סטריט דזשייל אין ברוקלין, אין דעם זעלבען דזשייל וואו ער איז פריהער געזעסען.

נאך א קענעדער גענעראל פערוואונדעט

אטאווא פעברואר 21

נאך א קענעדער בריגאדיר גענעראל איז פערוואונדעט געווארען אין די לעצטע שלאכטען וועלכע זיינען פארגעקומען אויף'ן מערב פראנט, דאס איז בריגאדיר גענעראל לאקי. עס ווערט אבער בעריכטעט אז זיין וואונד איז ניט קיין געפעהרליכע.

דער צווייטער קענעדער גענעראל וועלכער איז פערוואונדעט געווארען איז בריגאדיר גענעראל מעקזיאנעל.

די צוויי גענעראלען זיינען די ערשטע וועלכע זיינען פערוואונדעט געווארען פון די קענעדער ארמייען וועלכע זיינען אויף יענער זייט ים.

טויט פון זוהן טויטעט די מוטער

איינע פון די הערץ רייסענדע געשיכטען פון דער מלחמה איז פערבונדען מיט דעם טויט פון סאלדאט דזשאהן ס. הערריעס, וועלכער איז געווען אן איין און איינציגער זוהן פון מרס. אידא הערריעס, אן אלמנה, וועלכע האט פערלארען איהר מאן מיט איינינע יאהר צוריק.

נאך דער בעריהמטער שלאכט ביי סיינט זשוליאן, וואו עס זיינען אזוי פיעל קענעדער לעבענס פערלוירען געגאנגען, האט דערצעהלט דער בעריכט וועגען איהר זוהן דאס ער פעהלט. די מוטער האט די גאנצע צייט זיך געטרייסט מיט דער האפנונג דאס איהר קינד וועט זיך אבזוכען.

זי האט געגלויבט דאס ער געפינט זיך ערגעץ ביים שונא אלס געפאנגענער אדער אין א האספיטאל.

נעכטען אבער האט זי ערהאלטען די טרויעריגע נייעס דאס איהר זוהן איז געשטארבען און מרס. הערריעס האט דעם וועהטאג ניט געקענט אריבערטראגען.

זי איז באלד געשטארבען. די טרויעריגע בשורה האט די אונגליקליכע מוטער אויף'ן שטעל דערהרג'עט.

און ווען מען גיט א טראכט אז יעדער פון די געפאלענע אויף די שלאכטפעלדער האט א מוטער וועלכע, אויב זי איז ניט נאכגעשטארבען, פיהלט זי [illegible] דעם וועהטאג ביז איהר קבר, קען מען האבען א שטיקעל בעגריעף אין דער בעדייטונג פון מלחמה

סטרייקערס בעשליסען צו סטרייקען ווייטער

די סטרייקענדע טימסטערס האבען ביי זייער נעכטיגער פערזאמלונג דורך א רעזאלוציאן בעשלאסען צו שטעהן ווייטער אין סטרייק טראטץ דעם סטייטמענט פון די קארטעדזש איידזשענטס אומקעהרען מאנטאג צו הערארבייט ווען אז אויב די סטרייקערס וועלען זיך ניט צוריק קהרען צו דער ארבייט וועלען זייערע פלעצער פערנומען ווערען פון סטרייק ברעכער.

די רעזאלוציאן לעזט זיך אז די טימסטערס וועלען זיך ניט צוריקקעהרען צו דער ארבייט ביז די בעלי בתים וועלען אבגעבען אלע פאדערונגען פון די סטרייקערס.

די וועלכע זיינען פעראינטערעסירט אין דעם טימסטער סטרייק דענקען דאך אז די סטרייקערס וועלען איינגעהן אויף א קאמפראמיס און וועלען אננעהמען די בעדינגונגען וועלכע די קארטעדזש איידזשענטס אפפערען זיי.

די בעלי בתים ווילען שוין מאכען א גרעסערען אפפער פאר די סטרייקער ווייל זיי וואלטען בעסער וועלען די אלטע ארבייטער איידער אננעהמען נייע ארבייטער און עס איז דא ווידער א גרעסערע האפנונג אז דער סטרייק זאל גאר אין גיכען געסעטעלט ווערען.

גלויבט ניט אז איהר טאכטער איז געוועזן טויט

ניו יארק פעברואר 21

מען האט בעדארפט האבען שלאגענדע בעווייזע צו איבערצייגען מרס. יעטא סעלעראסקי אז איהר טאכטער איז ניט בעגראבען געווארען קיין לעבעדיגע נור א טויטע ווי אלע טויטע.

די געשיכטע האט אזוי פאסירט.

דעם 19־טען יאנואר איז ביי מרס סעלעראסקי געשטארבען איהר 23 יאהריגע טאכטער. געשטארבען איז זי אין מאונט סיני האספיטאל און אויף'ן דריטען טאג האט מען זי געבראכט צום קבר ישראל אויף דער יונייטעד היברו סעמעטערי.

די מוטער האט זיך אבער אריינגענומען אין קאפ אז איהר טאכטער איז ניט געשטארבען נור זי איז געווען אין א הינהער פלעט, און פאלגליך איז זי בעגראבען געווארען א לעבעדיגע.

די מוטער האט זיך די זאך אזוי שטארק גענומען צום הארצען אז זי איז שטארק קראנק געווארען און די דאקטוירים וועלכע האבען זי אטענדעט האבען ערקלעהרט אז זי וועט זיכער שטארבען, אויב מען וועט זי ניט איבערצייגען אז איהר טאכטער איז ווירקליך טויט געשטארבען.

און היינט האט מען די פרוי א קראנקע געבראכט אויף'ן סעמעטערי וואו מען האט צוריק פון קבר ארויסגענומען דעם טויטען קערפער פון איהר טאכטער און מען האט עס איהר געוויזען.

די פרוי האט זיך איבערצייגט און ווי די דאקטוירים ערקלעהרען וועט די פרוי געזונד ווערען.

בעריכט גינסטיג פאר בראנדייס

(ספעציעל צום "אידישען זשורנאל")

ניו יארק, פעברואר 22

די סענאט קאמיטע וועלכע האט געהאלטען אין אונטערזוכען די פראטעסטען וואס זיינען געמאכט געווארען געגען דעם אז בראנדייס זאל בעשטימט ווערען פאר סופרים קאורט ריכטער, דיזע קאמיטע איז מיט איהר ארבייט פערטיג.

איהר בעריכט איז דורכאויס צו גונסטען בראנדייס'ן.

דער בעריכט איז אזוי ווייט גוט דאס די פריינד פון בראנדייס דענקען אז עס איז איבעריג צו זוכען צו פערטהיידיגען. און זעלבסטפערשטענדליך וועלען אלע שונאים בלייבען מיט א נאז, ווייל ווי די קאמיטע פערשטעהט, נאך איידער מען האט אנגעפיהרט א קאמפף דאגעגען, אז די קלאגען זיינען גאר קיין קלאגען ניט.

קעמפפען געגען ביבל ביל

(ספעציעל צום "אידישען זשורנאל")

ניו יארק, פעברואר 22

די רבנים פון ניו דזשערזי סטייט ארגאניזירען א קאמפף געגען דעם ביבעל ביל (אז מען זאל לערנען מיט די קינדער אין סקוהל די ביבעל).

א קאנפערענץ צוליעב דעם צוועק איז אבגעהאלטען געווארען אין ניו־ארק ניו דזשערזי סטייט.

נאך א דייטשע צייטונג פערבאטען אין קענעדע

אטאווא פעברואר 21

די "טעגליכע פאלקס צייטונג", א טעגליכע צייטונג וועלכע ווערט געדרוקט אין דער דייטשער שפראך אין סאנט פאול מיננ. איז פערבאטען געווארען אריינגעפיהרט צו ווערען אין קענעדע אונטער דער געזעצליכער שטראף פון 5 טויזענד דאלאר אדער פינף יאהר פריזאן.

מצות קיין פאלעסטינא דורך דער אמעריקאנער פלאטע

(ספעציעל צום "אידישען זשורנאל")

ניו יארק, פעברואר 22

די פראכט שיף סטערלינג פון דער אמעריקאנער פלאטע איז אבגעפאהרען מיט מצות און מעדיצין פאר פאלעסטינא.

מיט א יאהר צוריק זיינען די מצות וואס זיינען געשיקט געווארען קיין פאלעסטינא אנגעקומען נאך פסח.

דאס איז געווען א גוטער לעסאן.

זיי וועלען דאס יאהר דערפאר אנקומען אין צייט.

* * *

די נאציאנאלע ארבייטער קאמיטע און די אמעריקאן פעדערישאן אף לייבאר

(ספעציעל צום "אידישען זשורנאל")

ניו יארק, פעברואר 22

היינט, מאנטאג, וועט דער עקזעקוטיוו קאנסול פון דער אמעריקאן פעדערישאן אף לייבאר אויפנעהמען פארשטעהער פון דער נאציאנאלער ארבייטער קאמיטע בנוגע דעם קאמפף פאר אידישע רעכטע

אנטי אימיגריישאן ביל וועט דורך געהן די וואך

(ספעציעל צום "אידישען זשורנאל")

ניו יארק, פעברואר 22

בוירנעט, דער טאטע פון דעם אנטי אימיגריישאן בילל איז ענטשלאסען דורכאויס אז נאך די וואך זאל דער ביל דורך'ן הויז דורכגעפיהרט ווערען.

ער איז זיכער אז דאס הויז וועט שטימען געגען ווילסאנס וועטא. דער הויפט ארגומענט זיינער מיט וועלכען ער האט אזוי געווירקט איז געווען דער, אז באלד נאך דער מלחמה וועט דאס לאנד פערפליצט ווערען פון אימיגראנטען.

און פאר "פן ירבו" האט מען זיך שטארק דערשראקען.

פייער פערורזאכט 200 טויזענד דאללאר שאדען

א גרויסער פייער האט נעכטען אויס געבראכען אין דער געביידע פון וויליאם העני און קאמפאניע קארנער ארעליד און דזשארווים סטריט.

דער פייער האט פערורזאכט שאדען אויף מעהר ווי 200 טויזענד דאללאר און ניט נור דאס פייער אליין נור אויך די וואסער וועלכע איז אנגעגאסען געווארען אין דער געביידע צו לעשען דאס פייער האט אויך פערורזאכט שאדען.

אין דער געביידע האבען זיך געפונען הונדערטער טאן מיט זריעה קערנער און נאכדעם ווי זיי זיינען דורכגענעצט געווארען מיט וואסער טויג עס ניט מעהר.

דער פייער האט אויסגעבראכען זעקס א זייגער פאר נאכט און אכט א זייגער האבען שוין די פייער לייטע געהאט דעם פייער אונטער קאנטראל.

דער ערשטער צו דערזעהען דעם פייער איז געווען א קליינער איינגעל. ער האט בעמערקט ווי א רויך שפארט פון א פענסטער, און ער האט וועגען דעם אויפמערקזאם געמאכט דעם קער טייקער וועלכער האט גלייך אבגערופען די פייער לייטע.

מר רייני דער הויפט מענעדזשער פון דער קאמפאניע האט ערקלעהרט אז ווען דער פייער וואלט פאסירט מיט עטליכע וואכען שפעטער וואלט דער שאדען ניט געווען אזוי גרויס, ווייל פיעלע ארדערס האבען בעדארפט ארויסגעשיקט ווערען.

איינינע פרויען וועלכע זיינען בעשעפטיגט אין יענער געביידע האבען נאך מיט עטליכע וואכען צוריק ערקלעהרט אז זיי האבען געהערט ווי יעמאנד האט ערקלעהרט אז מען וועט אונטערצינדען די געביידע.

אן אונטערזוכונג וועגען דעם וועט געמאכט ווערען.

א פריעדענס פערזאמלונג געשטערט

לאנדאן פעברואר 21

היינט האבען קוויקערס געוואלט האלטען א מיטינג פאר פריעדען אין בישאפסגייט, א גאס אין לאנדאן, ניט ווייט פון אידישען ווהייטשעפעל, איינינע בעליגעראנטען, קריגעריש געשטימטע, האבען אבער פון זייער פערזאמלונג א תל גע מאכט.

עס האבען זיך איינפאך פיעלע לאנדאנער בעליגעראנטען אריין געריסען און האבען געמאכט אזעלכע קולות מיט גוואלדען אז די רוהיגע קוויקער האבען זיך געבאך שטילערהייד ארויסגערוקט איינציגווייז פון האלל.

צווישען די שטערער פון מיטינג האט זיך געפונען איינער וואס האט צוויי זיהן אויף'ן שלאכטפעלד פערלוירען.

איינער א שטארקער חברה מאן, איז ארויף אויף דער פלאטפארמע און האט איינגעלאדען וועמען עס איז פון די פערזאמעלטע וואס וויל זיך מיט איהם פערהערען אין הלכות ביינער ברעכען איז ער מוכן ומזומן.

קוויקערס זיינען אן אלטע רעליגיעזע סעקטע אין ענגלאנד. זייער געשיכטע פאנגט זיך אן מיט 269 יאהר צוריק.

די קוויקערס האבען געשפיעלט א גרויסע ראליע אין דער געשיכטע פון די פעראייניגטע שטאאטען, איבערהויפט אין די צוויי סטייטס ניו דזשערזי און פענסילווניא.

געלד געשיקט

מר. ה. וויינבערג פרעזידענט פון דעם "אידישען זשורנאל" שיקט געלד קיין רוסלאנד לויט מאנעם קורס.

36

סענט (פארורובעל)

מיר שיקען אויך טעלעגראפיש

געלד געשיקט נאך אלע טהיילען פון דער וועלט.

ליעבע, האס און ראכע

אן אינטערעסאנטער און שפאנענדער ראמאן

בעארבייט פון ל־ס־ד.

(90־טע פארזעצונג)

מיט שנעלע טריט איז דער מאנארך, דיא קאפ אראפגעזונקען אהין און צוריק איבערן צימער געגאנגען, אהנע דעם דיא גרינגסטע אויפמערקזאמקייט דער שוועסטער צו שיינקען. אמאליע האט עס זעהר געקריינקט, דיעזער ניט אכטונג האט איהר פערדראסען, דאך האט זי ניט געוואגט איהרע געפיהלען ארויסצוזיינען, זי האט געוואוסט דאס זיא וועט אלעס פערדארבען, ווען זיא וועט איהם יעצט אויפרייצען.

מעהרערע מינוטען זיינען פערגאנגען אין פייערליכען שטילשווייגען, פלוצלינג איז ער שטעהן געבליעבען און זיין דראהענדען בליק אויפגעריכטעט, האט ער געברומט:

— ווייסט איהר וואס נעכטען אבענד איז געשעהען, אמאליע — דאס דער גראף פירסט האט נאכדעם וויא ער האט מיט אייך אן אונטעררעדונג געהאט פלוצלינג בערלין היימליך פערלאזען?

— נאך אונזער אונטעררעדונג, מאיעסטעט? האט דיא פרינצעסין פערוואונדערט ערווידערט, איך האב מיט איהם אזעלכעס ניט גערעדט, דאס זאל איהם צו דיזען שריט טרייבען!

מיט צוויי טריט איז דער קעניג נעבען איהר געשטאנען און זיינע אויגען האבען אויף איהר פערניכטעט געבליצט.

— היט זיך, אמאליע, מיר אויפצורייצען! האט ער פון צווישען דיא ציינער ארויסגעשטויסען, דיא פערוואונדערונג וואס איהר שטעלט אן אויף אייער געזיכט פאסט אייך ניט, געגען דיא בעווייזע פון דעם געגענטהייל וואס איך בעזיץ!

— פערצייהונג, מאיעסטעט — האט אמאליע רוהיג ערווידערט, זיך ניט לאזענדיג איינשרעקען — דיא בעווייזע פון וועלכע איהר רעדט קענט איהר געגען מיר ניט האבען!

— גלויבט איהר דאס? האט דער מאנארך סארקאסטיש אויסגעשפראכען, אויב אזוי — לעזט יענעס שרייבען דארט, דאן וועט איהר איין אנדער מיינונג האבען!

אמאליע איז צוגעגאנגען צום טיש, אויף וועלכען דער בריף פון דעם גראף פירסט איז געלעגען און האט דעם שרייבען דורכגעלעזען.

ווען זיא האט געענדיגט, האט זיא עס צוריק אוועקגעלייגט און האט דעם קעניג פעסט אנגעקוקט.

— נו —? האט ער געפרעגט, אלס זיא האט גאר ניט גערעדט.

— איך קען נור ווידערהאלען וואס איך האב אייערע מאיעסטעט שוין געזאגט — איין בעווייזע געגען מיר קען איך אין דיזען שרייבען ניט געפינען!

— אבער איך געפין איהם יא אין דעם שרייבען! האט דער קעניג צארניג געברומט, וואלט איהר מיט דעם גראף פירסט געסטערן ניט גערעדט, וואלט ער עס קיין מאל געוואגט אזא סקאנדאל אנצומאכען.

— זאגט מיר וואס איהר האט מיט דעם גראף פירסט געסטערן גערעדט.

ער האט געזעהן וויא איהר געזיכט איז בלייך געווארען און איהרע אויגען האבען געטומעלט אין אלע זייטען.

— שפרעכט — איך בעפעהל עס אייך!

— איך האב דאס געטהאן וואס דיא פליכט און דיא עהרע האבען פון מיר געפאדערט, איז געוועזען איהר ענטפער.

— האט איהר איהם אויך דערצעהלט וועגען טרענקען? האט דער קעניג פארגעזעצט אין צארן.

— יא האט זי שטאלץ געענטפערט, און אז איך וועל איהם ליעבען ביז מיין לעצטען אטהעם־צוג.

זי האט איהם דערצעהלט וועגען אלעס.

אמאליע האט געברויכט דעם מוטה פון א העלד צו האבען, דעם קעניג דאס אין געזיכט זאגען, וועלכער האט יעצט דעם בארן פאן טרענק אזוי געהאסט, וויא ער איז איהם פריהער גנעדיג געווען, און זיא האט אויך איינגעזעהן דאס זיא איז צו ווייט געגאנגען, ווארום דאס געזיכט פון דעם מאנארך איז פינסטער געווארען און מיט ערפילטע אויגען האט ער אויף דער שוועסטער געקוקט.

— דאנקט דעם שיקזאל, פרינצעסין, דאס איהר זייט דיא שוועסטער פון אייער קעניג, האט ער מיט א הייזעריגע שטימע אויסגערופען, זאנסט וואלט עס אייך שלעכט געגאנגען, וואס איהר וואגט מיט מיר אזוי צו רעדען!

— אבער איך בין דער קעניג און איך וועל אייך צייגען, דאס איך האב דיא מאכט, יענעם שורקע צו פייניגען, פיר וועלכען איהר נעהמט זיך אזוי אן און פערטהיידיגט איהם! איהר קענט איהם ווייטער ליעבען און ער מעג זיך קוויקען מיט דעם געפיהל, דאס דיא שוועסטער פון דעם קעניג, דעם יעניגענס, צו וועלכען ער איז א פעררעטהער געווארען, שטעהט אויף זיין זייטע — דאס זאל איהם אבער פון מיין צארן דאך קיין רעטען און ער זאל עס פיהלען צו האבען, פאר דעם וואס איהר האט פון זיינעטוועגען געוואגט מיינע פלענער צו צערשטערען!

— איך וועל דיזע שטונדע געדענקען, פרינצעסין, איך וועל אבער אויך דאפיר זארגען, דאס דיזע שטונדע זאל פון אייער געדעכטניס אויך ניט פערשווינדען!

אמאליע איז בלייך געווארען, א שוידער איז איבער איהר קערפער דורכגעגאנגען און א טרויעריגער אויסדרוק האט זיך אויף איהר געזיכט אויסגעשפרייט.

פלוצלינג אבער האט זי זיך ווידער אויפגעריכטעט און מיט א טריט נעהטער צום קעניג צוטרעטענד, האט זיא מיט א פעסטע שטימע געזאגט:

— איך בעט אייערע מאיעסטעט אום פערצייהונג, נור דיא אויפרעגונג האט פון מיר געקענט א ווארט ארויסרייסען, מיט וועלכען איך האב דיא רעספעקט פאר מיין קעניג אויף א מינוט פערגעסען!

— אייער מאיעסטעט האט דאס רעכט און דיא מאכט, מיר צו בעשטראפען, פאר דעם וואס איך האב דיא עהרפורכט, וואס איך בין אייך שולדיג, ניט בעאבאכטעט, אבער אן אונגערעכטיגקייט צו בעגעהן איז אייער מאיעסטעט קיין מאל פעהיג! דער בארן פאן טרענק וועט קיין מאל ניט ברויכען צו ליידען — פאר א שולד וואס ער קען קיין מאל בעשולדיגט ניט ווערען — און פון דער פערלאבונג וואס איז ניט צושטאנדע געקומען איז ער געוויס ניט שולדיג!

— דער קעניג פון פרייסען איז שטרענג — אבער גערעכט, און אונשולדיגען וועט ער ניט שטראפען!

שטאר, אהנע זיך צו בעוועגען, איז דער קעניג פאר איהר געשטאנען און אויך יעצט, אלס זיא האט געשוויגען, האט ער זיינע אויגען פון איהר געזיכט ניט אראפגענומען. דיא שטילקייט וואס איז מיט א מאל אין צימער געווארען, האט איהם פלוצלינג צו זיך ווידער געבראכט און טיעף אויפאטהעמענדיג, האט ער מיט'ן האנד איבער'ן שטערן געגלעט און איז שנעל איינינע מאל איבער'ן צימער דורכגעגאנגען, דאן איז ער צו זיין ארבייטס־טיש צוגעגאנגען און אהנע זיך אומצוקוקען, האט ער געזאגט:

— געהט, געהט — איך וויל אליין זיין!

מיט א טיעפען פערבייגונג האט זיך דיא פרינצעסין צוריקגעצויגען און א בעפרייענדער אטהעמצוג האט איהר ברוסט געהויבען, ענדליך איז דאס אויך פאראיבער און דאס — איז דאס שווערסטע געווען!

(פארזעצונג פאלגט)

רופט אפ
קאננעלל
פאר
קוילען
7.50 א טאן
טעל. עד. 2068—2069
קאננעלל אנטראקט מייניג קא.
קווין און ספעדיינא

דעם לעזערס ווינקעל

ווערטהער הערר רעדאקטאר!

איך רעכען עס פאר מיין פליכט א פערזענליכע ערקלעהרונג צו מאכען און איך וואל אייך זעהר בעטען מיר צו ערלויבען די שפאלטען פון אייער צייטונג פאר דיעזען צוועק צו בענוטצען.

פעראינטערעסירטע פערזאנען האלטען אין מאכען בעשולדיגונגען געגען מיר, דאס ביי א פערזאמלונג וואו הרב גארדאן איז געוועזען פארזיצענדער האב איך בעהויפטעט אז דער טאראנטאר מלחמה קאנפערענץ וועט בעקעמפפען אלעמען ווער עס וועט נאר וואגען צו טהאן עפעס פאר די מלחמה קרבנות.

דיעזע בעשולדיגונג איז דורכאויס פאלש. דערויף קען עדות זאגען דער פארזיצענדער פון יענעם מיטינג. ניט נאר האב איך ניט געזאגט וואס מיינע פערליימדער שרייבען מיר צו, זאנדערען איך האב נאך פלענער פארגעלייגט ווי אזוי זיי זאלען ארבייטען צווישען די רייכע אידען וועלכע צאהלען צום קאנפערענץ ניט. איך האב בלויז זיי געבעטען דאס זיי זאלען מיט'ן קאנפערענץ ניט קאנקורירען, דאס הייסט זיי זאלען ניט געהן ביי די מענשען וועלכע צאהלען יא צו אונז. קאנקורענטען, האב איך געזאגט, וועלען מיר מוזען בעקעמפפען. ניט ווייל מיר ווילען קריגען דעם קרעדיט פאר זיך, נאר ווייל די מענשען וועלכע צאהלען צו אונזערע וואלונטירס וועלען צומישט ווערען ווען אנדערע קאמיטעס וועלען צו זיי קומען, און א דאנק אזא צומישונג איז מעגליך דאס די איינקינפטע זאלען פאלען.

צווייטע בעשולדיגונג זאגט דאס ווען דער פארזיצענדער האט מיר פארגעלייגט, דאס מיר זאלען פון פריז שול זיך ארויסקלייבען האב איך געענטפערט דאס מיר וועלען עס ניט טהאן.

דיעזע בעשולדיגונג געהערט צו דער זעלבער קאטעגאריע ווי די ערשטע, זי איז געשפינט פון שקר.

מיין ענטפער צו דעם פארזיצענדען איז געוועזען דאס איך קען ניט ריידען אין נאמען פון קאנפערענץ, און געוויס ניט אין נאמען פון דעם פריז שול פעראיין ווייל זיי האבען מיר ניט בעפאלמעכטיגט דאס צו טהאן, דאך קען איך איהם פערזיכערען דאס דער קאנפערענץ וואלט קיין מאהל ניט געמופט פון ציון אינסטיטוט צו דער פריז שוהל אויב דער אינסטיטוט וואלט ניט פערלאנגט אז מיר זאלען פאר דעם מיטינג לאקאל צאהלען, און אויב פריז שוהל וואלט אונז ניט א מיטינג לאקאל און אן אפיס אומזיסט געגעבען; דאס מיר וועלען צו יעדער צייט זיין צופריעדען צוריק צו מופען צום אינסטיטוט, אויב איהם וועט געלינגען איינצואווירקען ביי די פיהרער פון אינסטיטוט האט אונזער ארבייט אונענטגעלטיג אנצופיהרען. דער פארזיצענדער האט פערשפראכען דאס ער וועט ריידען מיט דיא בערוואלטער פון דער אסאשיאיטעד טשאריטי בילדינג זיי זאלען אונז א צימער פאר אונזער אפיס געבען, און אונז ערלויבען אונזערע פערזאמלונגען צו האלטען אהנע בעצאהלונג. דער פריז שול פעראיין ווידער, האב איך געזאגט, וועט ניט בייז זיין וואס מיר וועלען פון דארט זיך ארויסקלייבען אויב זיי וועלען נור וויסען דאס אנדערשוואו וועט מען פון אונז קיין בעצאהלונג פאר א לאקאל פערלאנגען. אונזער ארויסקלייבען זיך פון דער שוהל וועט זיי צוריק געבען א צימער אויף א קלאס און וועט זיי איינשפארען די עקסטרא געז בילס וואס זיי מוזען צוליעב אונז צאהלען.

איך מאך דיעזע ערקלעהרונג ניט דעראיבער ווייל איך דענק חלילה אז די בעשולדיגונגען, אויב זיי זאלען אפילו אמת זיין, זיינען אזעלכע שרעקליכע. נאך אלעמען פרעגט זיך אין אמת'ן די פראגע וואס וואלט עס פאר א געפאהר געוועזען ווען אלע הילפס ארבייט וואס מען טהוט אין טאראנטא וואלט טאקי געטהאן געווארען דורך דעם קאנפערענץ, און אלע וואס ווילען הילפס ארבייט טהאן זאלען זיך אין קאנפערענץ אנשליסען. און וואס פאר אן אומגליק וואלט עס זיין פאר אפילו די ארטהאדאקסישע אידען ווען דער אפיס פון קאנפערענץ זאל זיך טאקי געפינען אין דער פריז שול? איז דען די פריז שול, וואו מען לערענט אידישע קינדערלאך זייער פאלק צו ליעבען און פאר זייער פאלק זיך אויפצואפפערען ערגער ווי צום ביישפיעל דער ארענדזש האלל וואו רבנים האבען שוין אויך גערעדט און קיינער האט קיין איינווענדונג ניט געמאכט? דער ארענדזש האלל איז דאך יעדען זונטאג א טשורטש. פאר וואס זאלען אפילו אונזערע ארטהאדאקסישע אידען פון טאראנטא זיין מעהר

(פארזעצונג אויף פיידזש 5)

ליידיס און באיעס!

אלע וועלכע זיינען מעמבערס אין פאלקס פעראיין זיינען געבעטען זיך צו מעלדען פערזענליך אין פאלקס פעראיין יעדען אבענד פון 8 ביז 10 אוהר. וויכטיגעס פאר אייערע אייגענע אינטערעסען. דער סעקרעטער וועט אייך געבען אינפארמיישאן.

ה. מ. קירשענבוים, סעקרעטער.
5398—28—2

קלאסיפיצירטע דירעקטארי

אינשורענס

חזן קאפלאנס שיפס קאנטאר
אלע סארטען אינשורענס אין די בעסטע קאמפאניס 297 קווין וועסט. פאן אדעלייד 239

גראסעריס

אידישע קענדי פעקטארי
די איינציגע אידישע האלסייל קענדי פעקטארי אין טאראנטא. ביליגע פרייזען. 24 קערזשעל סטריט. קאלעדזש 1233.
17—1

אייז קרים און טאבעקא

דזשווערקינס אייז קרים פארלאר
צייטונגס און בוכהאנדלונג.
14 סיינט פעטריק סטריט. פאן קאלעדזש 4029
(12—10)

בייסיקעל דילערס

פאלאק'ס 20 עגנעס סטריט
בייסיקעלס און בייבי קערעדזשעס נעפיקסט בעסטע צופריעדענהייט

די פירליס בייסיקעל ווארקס
16 עגנעס סטריט. טעלעפאן אדעלייד 3582.
אויטאמאבילס נערענט פאר $1.25 א שטונדע

בארבערס און האר דרעסינג

ליידיס הער דרעסינג פארלאר.
איך מאך די בעסטע שייטלען און צעפ צו ביליגסטע פרייזען. מר. רובין 128 משעכנאט סטריט
(12—10)

ניו־יארק הער דרעסינג
מרס. פיננער מאכט די בעסטע שייטלען און צעפ פון די בעסטע אייראפעאישע האר צו די ביליגסטע פרייזען 137 עגנעס סטריט

דראגיסט

סטראטהערסי סאנס, קעמיסט
ארטהור און יוקליד, בלור און פאלמערסטאן. פרעסקריפשאנס אונזער ספעציאליטעט
(1—13)

דראגיסט.
דראגיסטען אויף וועלכע מען מעג זיך פערלאזען זיינען מרס לימיטעד 374 קווין סטריט וועסט. טעלעפאן מיין 3729.
17—1

מ. איטין
אדזשעשערס קוהלען ריכטיגע וואג, שנעלע דעליווערי. פאן קאלעדזש 1036.
אפיס 55 אגוסטא עוועניו.

דיירי און פראדויס

האלפערינס פוטער
היינע, פרישע פוטער יעדען טאג. פרעגט אויף אייער גראסערי, 227 ספעדיינא עוועניו פאן קאלעדזש 7574
12 17

דזש. שיפמאן
איך קויף און פערקויף פערשיידענע סמאר־פיקטשורס, 168 עגנעס סטריט פאן מיין 7636

דעליקאטעסען און לאנטש רום

די לאנדאן רעסטאראנט
135 יארק סטריט. איהר בעקומט די בעסטע און געשמאקסטע מיעלס צו יעדער צייט. קומט און איבערצייגט אייך. מ. לאנדאן.

די עגנעס רעסטאראנט
און לאנטש רום 89 עגנעס סטריט
דא בעקומט איהר די בעסטע געשמאקסטע מיעלס פאר ברעקפעסט דינער און סאפער.

דזש. ה. ליאיס 50 ענדערסאן סט.
עס איז שוין צייט איהר זאלט אין אכט נעהמען די געזונדהייט פון אייערע אויגען, אייער צו אייער דיענסט.

מ. גרייזמאן'ס
ניו יארק כשר וואורשט סטאר און לאנטש רום
פאן ארדערס דעליווערט.
72 טשעסטנאט סטריט טעלעפאן מיין 6203
7—4

איטין'ס קוהלען
די בעסטע און מארקעט. ריכטיגע וואג. דעליווערט צום הויז. פאן קאלעדזש 1036

ל. בעק און קאמפאניע
49 פערל סטריט איך פיקס וועגענס און פיינט נייע און אלטע צו די יעניגע וואס מאכען די ארבייט טעלעפאן אדעלייד 1643
7—4

גלאז, עלעקטריק הארדווער סופליי

ב. שערמאן
פלאמבער, בלעכער און הארדווער, 527 קווין סט. וועסט. פאן אדעלייד 2055
12 17

ב. קאפלאנס הארדווייר סטארס
140 עגנעס סטריט, און 171 ספעדיינא
טעלעפאן מיין 6053
25—2

דזשוועלערי און קראקערי

ליטאוויטשעס דישעס סופליי
113 רעניסאן עוו. ניער סט. פעטריק. דישעס אויף חתונות, בריס'ן, פארטיעס געבארגט.
12 17

טשיקענס און פיש

מאיר קאפלאן, פיש דילער
פרישע פיש אימער צו ביליגער ווי איבעראל 132 עגנעס סטריט. פאן מיין 6989
(12—10)

פיינטס און וואלל פייפער

די טאראנטא פיינט און וואלפייפער קאמפאניע.
די שענסטע דיזיינס פון וואלפייפער און דיא בעסטע פיינט צו ביליגסטע פרייזען. 45 אנדערסאן סטריט. פאן אדעלייד 3554

די בעסטע לעסאנס אין מוזיק
אויף וויאלין, פליוט, און מאנדאלין. ביים טיטשער שפילמאן 43—47 וויליאם סטריט, ווי אויך צו שפיעלען אויף אידישע שמחות

האפמאן פייפערהענגער
פייפערט אדער פיינט אויס א רום פאר 2 דאלאר. שרייבט אדער קומט אין 4 באלדווין סטריט
5367—22—3

פארניטשור דילערס

ראטשטיינס פארניטשור קא.
ספעשעליסט אין הויז פארנישינג. קעש און קרעדיט 490 קווין סטריט וועסט. פאן קאלעדזש 6981
(12—10)

פארס און שוהס

מ. געללער
73 עליזאבעט סטריט. ספעשעליסט אין רעפערינג אללערליי פארס. טרימינגס סעט און קאוטס. ביליגע פרייזען.
(12—10)

קוילען, היי און האבער

א. בראק
44 ארטהור סטריט, טעלעפאן קאלעדזש 5743 האלסייל און ריטייל דילער אין היי מעהל און פיער
(1—13)

סאפט דרינקס

דז. פאומאן
ארמאנייטער דרינקס, זויערע פיקעלס, פאטייטעס 11 קער האוועל סטריט. פאן קאלעדזש 2190
12—14

קלינינג און פרעסינג

ס. זייד, די עפישינג קלינינג קא.
קלינערס, דייערס און פרעסערס 205 ספעדיינא. פאן אדעלייד 2897
(12—10)

מר. מאריס פראבויסקי
64 ארטהור סטריט. קלינינג און פרעסינג צום ארדער. נייע סוטס ווערט געמאכט. אלטע קלאטהינג צו פערקויפען פאן קאלעדזש 818
7—4

וויינען און שנאפסען

קאלעדאניא ליקער סטאר
פערשיידענע שנאפסען און וויינען.
3 מעקאל סטריט, פאן 2367

ווען איהר פאטראנייזט די לייטע וואס זיינען אדווערטייזט אין דעם „אידישען זשורנאל“ דאן פאטראנייזט איהר אויך דעם „אידישען זשורנאל“. דערמאהנט דעם „אידישען זשורנאל“ ווען איהר קויפט וואס.

קענט איהר אנגעבען א אורזאכע ווארום געפינט זיך ניט ביי אייך אין הויז א
גראמאפאן?
יעצט ווען די פרייזען פאר גראמאפאנען זיינען אזוי ביליג
ווען איהר קענט בעקומען א שעהנעם גראמאפאן וועלכער זאל מאכען אייער הויז פרעהליך און אנגענעהם
— פאר בלויז —
$17.50 $15
א. א. וו.
פאר וואס זאלט איהר עס ניט טהאן
קומט צו אונז אין דער סטאר
פון דער
טאראנטא גראפאנאלא קאמפאני
61 קווין סטריט וועסט (געגענאיבער טעראלי סטריט)
און איהר וועט זעהען וואס מיר קענען טהאן צו מאכען אייער פרייע צייט אין דער היים אזוי אנגענעהם ווי מעגליך.
— ספעציעל —
כל נדרי געזאנגען פונ'ם וועלט בעריהמטען חזן
סיראטא
$1.50 האלט צוועלף איגטשעס דאבעל רעקארדס פאר בלויז

פארס צו ביליגע פרייזען ביי
ב. גאדמאן 382 פארלאמענט סטריט. פאקס, מינק סעטס און זא ווייטער. טעלעפאן מיין 6092

פייער אדזשאסטערס פאר די אינשורעט.

ווען עס טרעפט ביי אייך א פייער היינט ביינאכט טעלעפאנירט מיין 6426, ביינאכט הילקרעסט 2007 קאנאדיען אדזשאסטמענט און אינספעקשאן בוורא 84 וויקטאריא סט.

Real Estate
ריעל עסטייט

א פארם פון 150 אקער לאנד, מיט 2 הייזער, 2 בארנס מיט אלע מאשינערי פיר דאס פארם, 23 מייל פון טאראנטא אויף די קינגסטאן ראוד, נעבען א טריין טרעק, וואסער, טעלעפאן און אלעם נויטיגעס. קליינע איינצאהלונג, א גוטער טשאנס צו מאכען געלד. פרעגען אין זשורנאל מר וויינבערג.

צו פערענטען א סטאר מיט 8 רומס אלע קאנוויניעס 322 באטערסט נעגען סט. פעטריק סט. פאסענד פאר יעדער ביזניס ביליג רענט נאכפרעגען 64 בראנזוועק עוו.
5338—2—22

אלעקסאנדער קארפענטער ארבייט געמאכט צו ביליגע פרייזען, צופריעדענהייט געזיכערט.
סעם סטיינער 57 קעמערען סטריט
5374—25—2

BUSINES CHANCES
ביזנעס הויפען און צו פערקויפען

א פעדלערס וואגען צו פערקויפען אין גוטער ארדנונג. זיך נאכפרעגען 22 דיארסי סטריט.
5395—2—24

פיינטער און פייפערהענגער
איך פייפער אדער פיינט א רום פאר 2 דאלאר. 33 באלדווין סטריט. זעמבסקי.
1591—2—29

גוטע אידזשענסי איבערצוגעבען ביליג, ברענגט 12 דאלאר א וואך מען דארף בלויז איבערגעבען זיך איינינע שטונדען א טאג. פרעגען באקס 892
5380—2—22

א לאא סטודענט גיט לעסאנס אדער נעהמט אן בוקקיפינג ביי דער שטונדע.
פרעגען באקס 891
5380—2—22

דער ראפעל פון דער חברה בני אברהם האט שטאטגעפונען זונטאג דעם 20־טען פעברואר און נומער 120 האט געוואונען דעם פרייז. דער יעניגער וועלכער האט דיזען נומער איז ערזוכט צו קומען נאך 44 יורא סטריט.
5396—2—22

עקספערטען אין שווערע וועגענס.
ווי אויך פיירסט קלאס קערידזשעס פיר חתונות צו רענטען. פרייזען פון $1.00 ביז $1.75 יעדער. ספעשעל פרייזעס פיר לויות.
אנגעטור פון פ. ביירנס און קא. קויהלען.
האלנרייזום ליווערי 11 גרענריזש עוו.
פאן קאלעדזש 4953

א קצור פון די נארטה וועסט לאנד געזעצע.

דער עלטערער פון דער פאמיליע אדער יעדער מאן איבער 18 יאהר אלט, וועט קענען בעקומען א פערטעל אבטהיילונג פון דאמיניאן לאנד אין מאניטאבא, סאסקאטשעוואן אדער אלבערטא.

דער פארשלאג דארף געמאכט ווערען אין די דאמיניאן לענד אידזשענסי אדער סאב אידזשענסי פון דיסטריקט. אן אפליקיישאן קען געמאכט ווערען אין אפיס פון לאקאל אידזשענסי פון דאמיניאן לאנד (ניט סאב אגענטס) אויף געוויסע קאנדיציאנען.

פליכטען — 6 מאנאטען אויפ'ן בויהען די לאנד אין יעדע דריי יאהר. א הויז בעזיצער קען וואהנען 9 מייל ווייט פון זיין פלאץ אויף א פארם פון ניט ווייניגער ווי 80 אקער לאנד אויף געוויסע קאנדיציאנען, א הויז איז נויטווענדיג אין יעדען פאל סיידען ווען דערוואהנונג איז אויפ'ן זעלבען פלאץ.

אין געוויסע דיסטריקטען א האמסטיידער וועלכער איז אין גוטע אומשטענדען קען קריגען א פערטעל האמסטעד ארום זיין פלאץ פיר דעם פרייז פון 3 דאלאר א אקער.

פליכטען — 6 מאנאטען וואהנען אויפ'ן פלאץ און יעדע יאהר דריי יאהר ביז די האמסטעד געהט ארויס אין קראפט (שוין ארויסרעכענענדיג די צייט פון דער ענטרי) 50 אקער עקסטרא פיר בעארבייטען די צייט פיר קולטיווירען איז אבהענגיג אין קיום אויב אויסגעפינען דא דער פלאץ איז א זאמדיגער אדער א שטיינענדיגער נאכדעם ווי רעפארטער צו דעם אינספעקטאר.

א פארמער וועלכער האט בעארבייט זיין פארם און האט פון איהר קיין רעוואלטאציע קען נעהמען לאנד אין וועלכען דיסטריקט ער וויל פאר 3 דאלאר אן אקער.

פליכטען — מוז זיצען 6 מאנאטען אין יעדע 3 יאהר בעארבייטען 50 אקער און אויפבילדען א הויז אין ווערטה פון $300.

וו. וו. קארי,
דעפוטי מיניסטער פון אינטעריאר

נ. ב. נים אויטאריזירטע פובליקאציעס פון דעם אדווערטיזמענט וועלען ניט בעצאהלט ווערען.

ארדערט היינט—סיטי דיירי מילק
קאלעדזש 2040—21 פיינטס $1

ארבייטער פערלאנגט

פערלאנגט מיידלאך, נאכפרעגע דאמיניאן טאו קאמפאני קווין און דזשארדזש סט.

פערלאנגט פינישערס אויף קלאוקס אונד סוטס נאכפרעגען פארנישינג קלאוק אונד סוט קא. 468 קינג וועסט

פערלאנגט א דרייווער פאר סינגעל לארי פאר האלסייל גראסערי, מוז קענען לעזען ענגליש. פרעגען ס. פ. ווילסאן 406 קווין וועסט
5303—22—2

פערלאנגט א פאקעט מייקער זאל קענען מאכען לייניגס. נאכפרעגען 1799 דאנדעס סטריט.
5386—2—22

פערלאנגט א באי צו לערנען דיא עלעקטריק טרייד. פרעגען טאראנטא עלעקטריק סופליי 92 קווין סטריט וועסט
5387—24—2

פערלאנגט א מיידעל פאר לייכטע הויז ארבייט נאכפרעגען 583 קאלעדזש סטריט
5390—24—2

פערלאנגט פרעסערס און טיילארס. נאכפרעגען ביי מר רודנער פון ע. דזש. האקבארן און קאמפאניע דארלינג בילדינג 6 טען פלאר.
5388—24—2

פערלאנגט א פערסט קלאס ליידיס אפערייטאר און ביינישער צו ליידיס סוטס פרעגען קאלעדזש קלאוק קאמפאניע 583 קאלעדזש סטריט
5389—24—2

פערלאנגט פינישערס און טאפ פרעסערס אן קאסטום פענטס, אויך פינישערס ארבייט ארויסצונעהמען. נאך פרעגען א. גודמאן 7 מיקאל סטריט
5393—2—24

פערלאנגט אן עקספיריענסד מיידעל פאר דרעסעס פרעגען 19 אידען פלייס.
5394—2—24

„אויף שמחות און אונטערהאלטונגען“

ערהאלטען פון מאריס גינצבורג 39 ווידמער סטריט 1 דאלאר פאר די מלחמה קרבנות.
(1991)

דער שילער קלוב פון פריז שוהלע האט אריינגעבראכט 20 דאלאר וועלכע זיי האבען געזאמעלט דורך בלומען פערקויפען.

דער שילער קלוב פון וועסט טאראנטאר פריז שוהלע האט אריינגעבראכט $5

דער פרויען פעראיין וועלכער האט זיך געגרינדעט ספעציעל צו גונסטען די מלחמה ליידענדע האט אריינגעבראכט 30 דאלאר.
(1992)

דער קאלעקשאן פון די וועכענטליכע ביישטייערונגען פאר די מלחמה קרבנות האט אריינגעבראכט די וואך 280 דאלאר מיט 44 סענט

ביי א ברית ביי מר מ קראוטשי 261 מאריא סטריט איז געזאמעלט געווארען די סומע פון $17 פאר די מלחמה קרבנות דאס געלד איז געבראכט געווארען פון הערי פארטנאי 158 וואולזי סטריט
(1993)

אויף א טהי פארטי ביי מר און מרס רעיקין 191 מארקהעם סטריט איז קאלעקטירט געווארען $5 פאר די מלחמה קרבנות אריינגעבראכט געווארען ביי מרס. רעיקין

אויף א תנאים ביי מר. ב. גאלדפאן 126 פארטען סטריט איז קאלעקטעט געווארען $5 פאר די מלחמה קרבנות
(5995)

אויף א באקס סאשעל בין קליינע קינדער אין 335 יוקלעד עוועניו ביי גאלדפיין איז קאלעקטעט געווארען 6 דאלאר אבגעקויפט צו טראגען דאס געלד האט דזשיש פלעקסער.
(1996)

אויף א ברית ביי מר און מרס גאלאס 108 ענגעס סטריט איז פון בעל ברית געגעבען געווארען 2 דאלאר פאר די מלחמה קרבנות. אריינגעבראכט ביי מר ליוואי.
(1997)

אויף א רעספשאן זונטאג דעם 20־טען ביי די יאנג מענס היברו אסאסיאישאן 125 בעווערלי סטריט איז געזאמעלט געווארען $14 געבראכט דאס געלד האט מר רובין שניטמאן.
(1998)

דאס פוילישע אינגעל

די לעבענס־בעשרייבונג פון א פוילישען אידען, פון זיין געבוירען ביז זיין פערלוירען

פון יצחק יואל לינעצקי

ערשטער טהייל

(3־טע פארזעצונג)

נישטא דער רפדנער, דער מאהלער דער װאס קאן אפמאהלען א פויליש אידעש חדר!

אז די מאמע האט מיך דאס ערשטע מאל אריינגעפיהרט צו נחמן טראסק אין חדר אריין — איז מיר פינסטער און וויסט געווארען אין מיינע אויגען, אין שטוב א בלאטע איבערען גארטעל; בייא דער טיר א דייזשקע וואססער און לעבען איהר א פערשימעלטע פאמיינעצע מיט א וערך, און פון אויווען איז ארומגעשוואומען דאס וואס ס׳איז המן׳ען געפאלען אין קאפ אריין.. דיא קליינע 4־טאפליריגע פענסטערליך זענען פעריאגט געוועהן פונ׳ם פראסט אפשר אויף א פינגער דיא גראב און דער פראסטיגער מאך אויף זייא איז צעררינצעלט געוועהן מיט פיגורען פון מגן־דוד׳ס איקס־מיקס־דריקסען, קאטשערעס מיט לאפעטעס און נאך פערשיעדענע קרומע און צוקענדיגע רינגעלעך מיט פאסקעלעך, וועלכע טיפער און שמאהלער איינגעגראבענע, און וועלכע ברייטער און נאר פון אויווען־אפּ געקריצט; וועלכע זענען נאך פריש און העלבליך געזעהן, און וועלכע שוין עלטער און פערמאנטער; זעלטען איז צובעמערקען געזעהן נאך גאר א פריש רעדעלע ביז אין גלאז אריין וואס א אינגעל האט א פנים נאר וואס געמאכט מיט א קאפיקע, און פון אללע פענסטערליך איז גערונען אויף די וענד ביז אין דער ערד אראפ. 3 קליינע קינדערליך מיט פערשפיעלטע העמדלעך אונטער דיא ארעמליך האבען זיך נגראעט אין דער בלאטע און געקראכען ראטש דאס און כמעט שטענדיג זענען זיי אויסגעקומען מיט די באלף מחילות׳לעך צום בראנט.. א לאנגער שמאהלער טיש מיט צווי הוידעוודיקען שטאלען מיט שטריקלעך איבערגעבונדען און איבערגעקניפט, און מיט א אויסגעפלעקטער, אויסגעברענטער און צוקראשעטער דעק, ארום וועלכען, אויף געמאכטע באנק פון א שמאהלער בוקוואטער ברעט אויף 2 האלבע קלעצלאך, זענען געזעסען פערשיעדענע וויקליקע יונגלעך, איינס אין־עם־אנדערע איינגעוואקסען, און אלע מיט דיא פלייגעם איינגעקלעפט אין דער נאססער, דראסטיגער וואנד, און כמעט אויף יעדע 10 יונגלעך איז געלעגען איין סדור, און דאס איינע איז שוין אויך דריי מאל אזוי גראב און געשוואלען ווי פונ׳ם דרוק ארויס. ביים עק טיש איז געשטאנען איין אלטער רויסער קאשעק מיט טעפלאך לעבען וועלכען ס׳איז געשטאנען א גרויסער ראבער קאטער און האט געלעקט, קלאפענדיג מיט׳ן וויידעל איבער א תלמיד׳ס קעפעל. און ווינקעל ע צום אויווען איז געוועזען א שמאלע טיהרעלע אין א טיער, דורך וועלכען עס האט זיך געזעהן אין שטוב אריין דיא אונטערשטע האלב־לייבג רבי׳צען, בייגענדיג און שטערכענדיג מיט אקאקושערע אהיך, א פנים אין אויבען אריין, און ביי יעדען עפפען די פאדערשטע טיר האט זי ארויסגעשטעקט דעם קאפ אין א פערשמאלציוואטער קופקע מיט א גליטשיג, פערשוויסיגט פנים, נאר עפעס ווי פונקע ראטיוטיו אין פאלאטקע פונ׳ם פענסטערעל ארויס.. דער רבי איז געזעסען אויבען ביי דער הרובע, אהן א קאפאטע, מיט א פערגעהלטען טלית־קטן, די אונטערשטע העלפט איבערגעוואָרפען פון פארענט און האט זיך געשעכאוועט אין דער הרובע; א צעשפאלטענע פערפאלעטע יארמעלקע אין פעדערען, וואס איז פון פערעלטערטע קנייטשען שויך אגוי איינגעשרומפען, אז זיא איז שוין מעהר איינליך אויף א פאקרעשקע וויא אויף יארמעלקע, איז געלעגען פערררוקט אויף זיין פליכעוואטען נעגאלטען קאפ ווי א גרויסער קיילעכדיגער מיליוטען־מיט־ציקוטעך־פלאסטער אויף אנרויסער גוליע; אין איין האנד האט ער געהאלטען אגראבען קאנטשיק און מיט דער אנדערער האט ער זיך דורך׳ן צעכראסטעט קויטיגען העמד, געקראצט אינ׳ם וואלד נעגרייזעלטע האאר אויף זיין ברוסט. ארײנקומענדיג אין שטוב, האבען מיר געטראפען די קארטינע, ווי דער רבי מיט׳ן בעהעלפער האבען געקנאקט מיט די קאנטשעקים, די חדר איינגלאך האבען געגאנערט ווי א סטאדע גענז, די קינדערליך זענען איבערגעריסען געווארען פון געוויין און איגמיטען דעראינען איז די רבי׳צען איבערגעלאפען די שטוב ווי א וויכער, האלטענדיג אין א האנטשערקע, א האלאוושקא אין דער האנד, און פוטץ אין פאמייניצע אריין! א דא אידאס געווארען א פארע מיט א זשוזשעריי איבער דער גאנצער [illegible]

פון אינטערען טיש נלייך צו מיר מיט די ווערטער: "די זעהסט א דעם קאנטשיק? דער מיט שמייסט מען א יונגעל וואס ווילט ניט לערנען".. און דערביי האט ער שיין דערלאנגט א יונגעל מיט׳ן קאנטשיק איבער׳ן קאפ, כדי מיר צו ווייזען, וואס "קאנטשיק" בעטייט?.. מיט די רעד האט מיך א שלעפ געטהאן צום טיש, האט געעפענט דאס געוויסע געשוואלענעם סדור, און האט מיך א פרעג געטהאן: "קענסטו עפּיס לעהרנען?" — "נ־ע־י־ן" האב איך, און איין פלאטערניש געענטפערט און האב מיך צוגעוויינט, "ציט!" האט ער א תאלבען געשריי געטהאן "וואס האסטו זיך שוין אזוי צוואכמערט?" און דערביי האט ער מיר געטהאן א קניפּ אין בעקעלע, אז עס האט מיך אזש אנגעכאפּט ביים הארצען.. און איך האב מיך נאך מעהר צו וועינט א דא האט ער מיך אנידער געזעצט ביי זיך אויף דער קניע, און האט מיר אנגעהייבען ווייזען מיט׳ן טייטעל: איין אל׳ף, א בי׳ת, נאר ביי דער בי׳ת האב איך פערגעסען די אל׳ף און ביי דער אל׳ף — די בי׳ת. ער האט א קוק געטהאן, ס׳איז שלעכט, האט ער מיר אנגעהייבען איינרעדען, אז קוים איך וועל בעגעהרען לעהרנען, וועט מיר דער מלאך ווארפען א גראשען פון דער סטעליע.. דערהערענדיג אזא גדולה האב איך שוין גאר לחלוטין פערגעסען דאס סדור און האב אלץ פערריסען דעם קאפּ צו דער סטעליע.. א דא האט ער מיך אנגעהייבען סטראשען מיט אללערליי פחדים: אז איך וועל ניט וועלען לעהרנען, וועט מען אויף יענער וועלט שמייסען מיט אייזערנע קאקעריזעם; מלאכי־חבלה׳ניקעס וועלען מיך אוועקטאסקען אונטערן ארך־חושך (הרי חושך); שדים וועלען מיך פערקויפען צו די ציגיינערם; ביינאכט וועלען זיך מיר חלום׳ען מתים ומרומה אזעלכע שרעקליכע סטראשונקעס, פון וועלכע כ׳איז אין מיר פערקיהלט געווארען דער מאמעס מילך, עס האט זיך מיר שוין אויגעוויזען: די אל׳ף איז א שד און די בי׳ת — איין אייזערנע קאקעריזע און דאס גאנצע סדור — א ארון חושך.., ביז איך האב מיט א מאל אויסגעפלאצט אין א יאמערליך געוויין, און מע האט מיך געמוזט אבפיהרען א היים: נאר די גאנצע נאכט האט זיך מיר שוין אלץ פארגעשטעלט אז רוחות און מתים, מיט אייזערנע קאקעריזעס אין די הענד גלאנצען אויף מיר די אויגען און שרייען אויף קויל־קולות: "זאג אל׳ף! זאג בי׳ת!..׳ און בין א חודש געלעגען אין א נאראטשקע צווישען לעבען און טויט.. איך ווייס שוין פאראויס, אז ווען א פוילישער יוד, צי א הענע וועט לייענען די ווערטער, וועלען זיי צושמייכלען אין זיך, מיינענדיג אז איך ערצייהל זיי עס גאר פאר א פאטיעבע און מיין גאר ניט זיי.. אין אמת אריין ווייס איך, אז אזוי ווי איך האב מיך דעמאלט געשראקען פאר די רוחות, מלים און אייזערנע קאקעריזעס, אזוי האבען אלע פוילישע יודלעך נאך עד היום מורא אימת־מות פאר שדים לצים און מתים, אז דער רוח נעהמט זיי אזש צו, און זיי בערעכענען עם גאר ניט, אז דאס האבען זיי גאר בירושה פונ׳ם זיסען חדר, און האבען קיין רחמנות ניט אויף זייערע קליינע קינדער, זיי זאלען זיי שוין ערציהען אויף א בעסערען אופן, אום זיי זאלען שוין פערשטעהן ופערברענגען זייער לעבען אין אנקסטען און שרעקען. נישטמעהר ווי זיי זאלען די קינדער אבגעוואהנען דערפון — זא זיי אליין גלייבען נאך דעראינגען ווי אין גאט? קארג גיבט עס מעשות אין פוילען מיט א לין אין קעהלער, מיכ מתים אין שוהל, מיט א וואלפקולאק, א דבוק און א ניט־גוטער?.. און טאקע דעריבער בעוואהרענען זיי די קינפּעט־קינדער מיט די אלע טערפקע נאמען, וואס אונטער די שיר־המעלות׳ן אויף׳ן טיער און פענסטער; דעריבער שלאגען זיי אן שמירות מיט קמעות אין די קעהלערס און קאמערען.. און וואס מעהר זיי בעוויארענען זיך — מעהר האבען זיי מורא אין דאך פיהרען זיי די קינדער אויף דעם אייגענעם דרך, וואס זייערע פאנאטישע טאטעס האבען זיי געפיהרט; און צום אמה איז דאך עס פארט ניט מעהר ווי נאר א פערפיהרטע זאך! מען האט נאך דערווייל קיין מאל ניט פערביטען א קינפעט קינד אויף א שד.. מען האט נאך דערווייל קיין מאל ניט געזעהן מיט די אויגען א ליז אין קעהלער.. מען האט נאך ער הוים [illegible] הכסא אריין ביינאכט? — דארט איז דאך געווים ניטא קיין שמירות מיט קמיעות! און וואס הענקט זיך טאקע דער רבי מחילה אליין, ווען מען רופט איהם צום סטאנאוואי, אדער צום ספראווניק..? דארט איז דאך אויך קיין שמירות ניטא נא? האט ער זשע דען מורא דארט פאר א שד א לין? אסור, בנאמנות! דארט האט ער נאר מורא דאכט זיך פאר׳ן וויא־היינסט־מען־עס.. נאך מעהר חדוש ווען א פויליש איד, לייענט עפעס א יודיש ביכעל, צי א גאזעטע וועגען אזעלכע נארישע פאנאטיזמוס און אבערגלויבעריי, שמייכעלט ער נאך אונטער און טוהט א זאג דערביי: "וואזשע? ער איז דען ניט גערעכט דער שרייבער? האבען דען ניט אונזערע יודען אין זיך א די אלע שטותים און דומהייטען, וואס ער שרייבט?" און אליין בערעכענט ער זיך גאר ניט, אז דאס איז ער טאקע אליין דער יוד פון זיינע "אונזערע יודען".. און פערבעסערט זיך ניט אפילו אויף א האאר! — איך ווייס אזוי זיכער ווי איך לעב, אז איטליכער פויליש יודעל, נאכ׳ן אפלייענען א דאס וועט אויך ניט איין מאל, קומענדיג צו רעד, א זאג טהאן: "אפשר ניט גערעכט דאס פוילישע יונגעל, וואס זאגט דארט דאס און דאס, צי וואס שרייבט דארט אזוי און אזוי?.. און וועט גאר בסך הכל פערגעסען, אז דאס אלעס ליגענט טאקע אין איהם אליין, נאך אפשר מעהר ווי אין אלע.. און וועט זיך אלץ אזוי טשוואניען גלייך ווי איהם מיינט מען עם גאר ניט. און איך זאג אייך בפירוש, אז די בעשרייבונג מאך איך ניט פון א מעשה וועגען! איך מיין פשוט, טאמער וועל איך האטש קענען דערמיט אבראטעווען איין פויליש יודעל, ער זאל אוועקווארפען א דיא אלע פאנאטישע גאנג וואס פעראומערען איהם זייך לעבען, און זאל ווערען א שטיקעל מענש! און דעם איינעם מיין איך יע [illegible]

(פארזעצונג פאלגט)

כשר און ביליג און גוט

איך מאך בעקאנט צו אלע מיינע קאסטומערס גראסערים און אייזקרים פרעלארס און רעליקאטעסען סטארס, אז אלע מיינע וואארס ווערען פערקויפט ביליגער 2 סענט אויף דעם פונט אין קעש. און איהר בראוכט ניט צאהלען פאר אייער געלד קיין אינטערעס. דאס זיינען די וואארעס: ווארשט, וויגעש, קארנבי׳ף. באלאגנע

ארדערס דעליווערט איבעראל מיט דער גרעסטער צופריעדענהייט

משה סאלקאוויטש, 694 רימשמאנד סטרים וועסט. טעלעפאן ארעל. 1559

די פראזי סטארעדזש און קארטעדזש קא. לימיטעד

הויפט אפיס 323 קאלעדזש סטריט

טעלעפאן: קאל. 386. מיין 5237

סעפאריים רום סיסטעם פאר האלטעז פארניטשור

אויסגעבעסטע וועגען. גוטע און אויך סערנעוועהנליכע מעגליכקייטען צו מופען אדער סטארינג הויז זאכען און סחורה, עקספערט פעקערס. באגעדזש טשעק די אלע פעקינג מאטיעלם בעזארגט. גוטע בעהאנדלונג און ביליגע פרייזען.

Toronto Wet Wash Laundry Company, Limited

פערלירט נים אייער געלד און בעזונד. גיט אונז אייער לאונדרי, מיר וואשען פאמיליע וועש.

רעמט 30 פונט — 75 סענט. ראפ טרוקען, 30 פונט, 1 דאלאר. יעדער וואשינג ווערט געוואשען בעזונדער.

291 ARTHUR STREET

Phone Parkdale 5280-5281

CANADIAN GOVERNMENT RAILWAYS

INTERCOLONIAL

PRINCE EDWARD ISLAND RY

קאנעקשאן מיט יוניאן דעפא. מאנטרעאל.

אושען לימיטעד — געהט אב 7.25 נאכמיטאג — טעגליך

מאריטים עקספרעסס

טעגליך, אויסער שבת. 8.15 מארגענס

סליפערס פאר דער גאנצער רייזע.

מאסטראל, און האליפאקס

קאנעקשאן פאר סיינט דזשאהן, די סידניס פרינס עדווארד איילענד, ניופאונדלאנד.

ע. טיפפין דזשענעראל וועסטערן אגענט 51 קינג סטרים איסט, טאראנטא. מיין 554

הודעה מהרב מאיר צבי לעווי 108 באלדווין טעלעפאן קאלעדזש 6903.

איהר געפינט מיך צו יעדער צייט אין הויז צו ענטפערען אלע רבנישע ענינים והיינו שאלות, דין תורות, עצות, טובות בין איש לאיש, אויך צו סעטלען אלערליי טראבעלם ביטווין מאן אונד פרוי נאכ׳ן אידישען דין און אויף סדרי קדושין. ווארום זאלט איהר אין אזא שלעכטער צייט אוועק ספענדען אומזיסטע געלד אויף אלערליי נארישקייטען, ווען איהר קענט בעקומען חופה וקדושין ביי מיר אין הויז מיט די בעסטע צופרידענהייט, אפילו מערידזש לייסענס וועל איך אייך פערזארגען. גאט וועט אייך געבען א גוטען מזל אין מיין הויז.

קומט אין הויז, אדער טעלעפאנירט אויף דעם אויבענדערמאהנטען אדרעס.

חזן מאנאוויץ

מוהל ומסדר קדושין

אלע זיינען שוין איבערצייגט אז ער איז א קינסטלער א מוהל, און מסדר קדושין.

רופט איהם און איבערצייגט זיך

אדרעס 233 בעווערלי סט. טעלעפאן קאלעדזש 2033.

די געלעגענהייט פון נוי אנטאריא

די געלעגענהייטען פון נארט אנטעריא

ווייסט איהר די פיעלע געלעגענהייטען פון נארט אנטעריא מים איהרע מיליאנען פרוכטבארע אקער לאנד אפפערט צו די יעניגע וועלכע ווילען זיך בעזעצען אויף׳ן לאנד.

ווייסט איהר דאס די זעלבע רייכע אגריקולטור לאנד וועלכעס מען קען דערהאלטען כמעט אין גאנצען פריי ארער פיר א קליינע סומע געלד, פראדוצירען שוין די בעסטע תבואה אין דער וועלט.

פיר ווייטערע אויסקינפטע. פיר ליטעראטור וועלכע בעשרייבט דעם אויבענדערמאהנטען געגענד שייבט צו:

דזש. ה. פערגוסאן

מיניסטער אף לענדס, פארעסט און מיינס.

פארלאמענט בילדינג

טאראנטא אנטעריא

ספעריים רים סיסטעם

די וויליאמס

קארטיידזש און סטארידזש קא.

טעלעפאן קאלעדזש 252

דזשענעראל קארטיידזש איידזשענטם

368 ספעדיינא עוו. טאראנטא, אנט.

באגאזש, פיאנאס און אלע קארטען פארניטשור [illegible]

ביי עקספערטען. וואגאנס צו רענטען צו 1 דאלאר 25 סענט א שעה.

וועריהויזער: 551 קווין סטריט וועסט [illegible]

[illegible]

דער גרעסטער אנטיסעפטיק מוהל און דער מאדערנסטער מסדר קדושין אין טאראנטא.

איז

קאנטאר וולאדאווסקי

רופט מיך און איבערציינט אייך

קאנטאר לייט קענען מיך אויך אנגאזשיען פאר שמחות. מיין וואהנונג איז 62 בראנזוויק עוועניו, און מיין פאן נומער איז 1076 קאלעדזש.

פיר ארימע אומזאנסט.

דר. מ. קייטס

דענטיסט

218½ קווין סטריט וועסט

קארנער קווין און מעקאל סטריט

DR. M. KATES, Dentist

218½ Queen St. West

Phone Main 1979

אברהם קאהען

באררישטער

נאטארי פאבליק

קאמישיאנער פיר נעהמען אפידייווים

Office, Sun Life Building

60 VICTORIA STREET

Main 2634

Residence, 7 Salem Ave. JUNCTION 1545

מ. מ. דייוויס

פאבליק אודיטאר

אודיטינג, סיסטעמייזינג און אינוועסטיגיישאן.

350 קאלעדזש סטרים טאראנטא.

טעלעפאן קאלעדזש 7632

ווער מאכט יעצט

אייערע פרינטינג?

וויסט איהר אז "דער אידישער זשורנאל" נעהמט אן ארדערס פאר פרינטינג.

מיר מאכען די בעסטע דרוק זאכען פון דעם קלענסטען וויזיט קארט ביז די גרעסטע צייטונג.

ווען איהר דארפט האבען פרינטינג און איהר ווילט זיין זיכער צו האבען א גוטען דזשאב, געמאכט אין צייט, און ריכטיג אטענדעט.

טעלעפאנירט גלייך צו דעם

"אידישען זשורנאל"

טעלעפאן עדעלייד 3967

אונזער פארטרעטער וועט צו אייך קומען און אייך געבען דעם ריכטיגען פרייז.

פרינטינג דעפט.

אידישער זשורנאל

251-3 קווין סט. וועסט

THE DAILY HEBREW JOURNAL
H. WINBERG, Pres. & Gen. Mgr.
The Only Daily Jewish Newspaper in the Province of Ontario
PUBLISHED BY
— CANADIAN JEWISH PUBLISHING CO., Ltd. —
251-253 Queen Street West Telephone Adelaide 3967
SUBSCRIPTION RATES: $3.50 PER YEAR
SINGLE COPY 1c.
Entered as Second Class Mail Matter at G.P.O. Toronto, Ontario
January 22nd, 1913

אונזערע אייגענע צושטערער

די היינטיגע מלחמה איז רייך מיט גענוג טראגעדיעס, מיט אזעלכע טראגעדיעס, וועלכע קענען זיך ניט שפיעלען אויף קיין אנדער ביהנע ווי אויף דער בלוטיגער ביהנע פונ'ם יעצטיגען לעבען אין אייראפא. טראגיש איז שוין דער פאל וואס ביי יעטוועדער מלחמה, איז די פראגע געוועזען בלויז וועגען מאכט. "צום זיעגער געהערט דאס רויב", דאס איז געווען די אורזאכע ווארום די מלחמות זיינען געפיהרט געווארען. מען האט זיי ניט געזוכט צו בערעכטיגען. דער פאעט און פאלקס זינגער האט בעזונגען די העלדישקייט פונ'ם ריטער, פון דעם, וועלכער האט זיינע פיינד בעזיגט, אבער זעלטען ווען איז די מלחמה זעלבסט אין דער לעצטער צייט בעזונגען געווארען ווייל ווי אזוי האט געקענט פאר דעם א פידעסטאל געבויט ווערען, ווען מען האט געוואוסט, וויפיעל מענשליכעס בלוט ווערט דורך דעם פערגאסען. מוטה, העלדישקייט, טאפפערקייט דאס האט נאך געקענט בערעכטיגט און בעזונגען ווערען. מלחמה אבער, איז בלויז אלס א נויטווענדיגקייט פאר מאכט בעטראכט געווארען. יענע צייט איז אבער שוין היינט א שטיק געשיכטע. א געשיכטע וועלכע ווידערהאלט זיך ניט. די בלוטיגע אייראפעאישע קריעג פונ'ם צוואנציגסטען יאהרהונדערט ווערט בעזונגען און געעהרט. אין דער וועלט קריעג פון א נייגצעהנטען יאהרהונדערט, איז בלויז די פעהיגקייט און טאפפערקייט פון א נאפאלעאן אדער פירשט וועלינגטאן, בעזונגען געווארען און א וויכטיגען פּ אין אין דער ליטעראטור פערנומען. היינט אבער ווערט אין דער מלחמה געזעהען א גרויסע מיסיאן, א מיסיאן פאר גערעכטיגקייט און יושר. אנשטאט מאכט, אנשטאט א קאמפף פאר עקזיסטענץ ווערט פערהערליכט, די מיסיע און דאס איז שוין זעלבסט גענוג טראגיש. טראגיש איז אן ערשיינונג, ווען מען זוכט צו בערעכטיגען די לופט אטאקעס אויף פריעדליכע מענשען. טראגיש איז אויך דאס, וואס אונזער גאנצע וויסענשאפט, די ארבייט פון הונדערטער יאהרען פון מענשליכער קולטור ווערט אויסגענוצט בלויז אויף צו מאכען די מארדען גרעסער.

טראגיש, גענוג טראגיש איז די מלחמה ביי אלעמען, ביי יעדען פאלק. צו אונזער טראגעדיע איז אבער קיין גלייכען ניטא. מיר ווילען שוין ניט דערמאהנען דאס קאפיטעל געשיכטע, וועלכעס מיר שרייבען פאר די לעצטע 19 חדשים, ברודער־מארד גרושים, רציחות הריגות, רדיפות, געשענדעטע געהאנגענע, און קדושים וועלכע זיינען אויף שייטער־הויפענס געפיהרט געווארען. עס איז מלחמה, און דאס מוזען זיין די רעזולטאטען. ווען מען שניידט די האנד מ'ז בלוט רינען. אונזער טרויער דורך דער מלחמה קען נאר זיין טראגישער מיט דעם, וואס מיר האבען געליטען דאס, וואס אפילו אין מלחמה צייט קען פערמיעדען ווערען דאס וואס אונזער בלוט ווערט פערגאסען, דאן ווען די מיליטערישע אפעראציעס נויטיגען זיך גאר ניט אין דעם. עס איז גענוג טרויעריג אבער דאך האבען מיר כאטש איין טרייסט דערביי, עס געשעהט ניט דורך אונז, נאר דורך אנדערע.

האבען אבער פאסירט אזעלכע זאכען, אין וועלכע אונזער גאנצע טראגעדיע האט זיך ארויסגעצייגט. עס האט פאסירט דאס, וואס איז אינ'ם לעבען פון יעדען פאלק זעהר טרויעריג. ובפרט אין דעם אידישען, עס האט זיך ארויסגעצייגט אז אונזערע אמת'ע פיינד געפינען זיך נאר אין אונזער אייגענעם לאגער. עס זיינען ווידערהאלט געווארען די נביאישע ווערטער: "אז דיינע צושטערער און פערוויסטער, וועלען פון דיר אליין ארויסקומען."

גלייך ביי דעם מלחמה אויסברוך איז פראפעסאר גייגער, דער רעדאקטאר פון דער "אלגעמיינע צייטונג דאס יודענטהומס" און ווארטפיהרער צווישען די דייטשע אידען ארויס מיט א שארפען אויפרוף צו די דייטשע אידען, אז זיי זאלען ניט וואגען צו שטיצען מיט וואס עס איז די רוסישע אידען, ווייל זיי זיינען "שונאים", און אפילו דאן ווען די מלחמה וועט שוין זיין געענדיגט, דארפען רוסישע אידען אויך בעטראכט ווערען פאר "פיינד". אזוי האט געשריבען א איד וועגען אידען, און מען דארף ניט מיינען, אז אזא זאך איז בלויז מעגליך אין דייטשלאנד.

אויך אין ענגלאנד האט זיך געפונען א איד א יחסן און געשטאלט פון סער מאנטעפיארע, וועלכער האט זיך ענטזאגט פונ'ם ציוניזם, ווייל עס זיינען אויך דא דייטשע אידען ציוניסטען.

מען דארף אויך ניט דענקען, אז דיעזע אלע ארויסטרעטונגען פון אידען געגען אידען זיינען נור מאמענטאלע ערשיינונגען. אט איז דער זעלבער פראפעסאר גייגער אין דייטשלאנד ווידער ארויס מיט א קאמפפס געשריי. דאס מאהל שוין געגען די ענגלישע אידען, און רופט צום קאמפף געגען דעם ענגלישען אידענטהום, וועלכע זיינען שקלאפען דעם ענגלישען אימפעריאליזם.

מיר וואלטען נאך פיעלע אזעלכע ביישפיעלען געקענט ברענגען, ווי אידען רופען צום קאמפף געגען אידען. אבער איז דען דאס געבראכטע ניט גענוג צו איבערצייגען אונזער טראגישער לאגע ווען א ברודער ערקלעהרט קריעג זיין ברודער.

די פאליאקען, די רוטענער, פיעלע איטאליענער, און א צאהל קלענערע פעלקער, קומט אייך אוים איבערצולעבען דיזעלבע טרויעריגע לאגע ווי מיר לעבען זי איבער, ווען די קינדער פון איין פאלק זיינען צוטהיילט און צוואוארפען אין די ארמייען פון אלע מלוכות און א ברודער קעמפפט געגען א ברודער, אבער קען אפילו אויף'ן געדאנק קומען אז א פאליאק פון גאליציען זאל בעטראכטען זיין פוילישען ברודער פון פוילען פאר א שונא, פאר א פיינד, און רופען צום קאמפף געגען איהם. דאך ביי אונז איז אלעס אונמעגליכעס — מעגליך. ביי אונז איז מעגליך אז אונזערע אייגענע קינדער זאלען צושטערען די מויערען וועלכע זיינען דורך יאהר טויזענדע געבויט געווארען.

דאס איז דער שיקזאל פון א פאלק, וועמענס טאן געבער זיינען די גייגערס, מאנטעפיארעס און זייערע חברים. כל זמן, די אידישע מיינונג פון דייטשלאנד וועט בעהערשט ווערען פון א גייגער, און אין ענגלאנד פון א מאנטעפיארען און אין די איבעריגע לענדער פון זייערע געזינונגס גענאסען, זיינען אזעלכע ערשיינונגען צו ערווארטען.

נור דאן ווען דאס פאלק, דער המון עם וועט ווערען זיין אייגענער דעה־זאגער — דער פערזארגער איבער זיינע אייגענע געשעפטען וועלען די אידישע מחריבים און מהרסים ארונטער פון די סצענעס.

זאל דאס פערגאסענע בלוט אונזערעס אין דער יעצטיגער מלחמה וועניגסטענס אונז לערנען דיעזע לעקציע, ווייל די אידישע מאסען זיינען ניט די גייגערס און פיהלען גאנץ גוט, אז זיי פיהרען ניט מיט קיינעם קיין מלחמה.

מיר זיינען אין דער מלחמה פעראינטערעסירט נור אלס בירגער פון לאנד, אבער צווישען איד און איד איז קיין קריעג פאראן.

דאס בוך און די מאשין

פון ל. בערסאן

שטענדיג ווען דער געטרייער זוהן פון אידישען פאלק, וועט זיך פערטראכטען אויף די ליכט און שאטען פון זיין פאלק; וועט ער געוויס זיך מיט בעוואונדערען אבשטעלען אויף? דעם בעגריף "עם הספר". א פאלק פון בוך, א פאלק פון ליעבע צום בוך. ער וועט טראכטען פון גאנצע טויזענדער יאהרען וואס זיינען אוועק ווען זיין פאלק האט נור געטריומט — אין פערשיעדענע פארמען — פונ'ם בוך, בילדונג און ליכט. ער וועט זיך דערמאהנען אן די גאנצע נאהענטע פערגאנגענהייט, ווען יעדער פון אונז האט נאך געקענט די אידישע מאמעס, וואס האבען אין די רוסישע קעלטען וועש געוואשען, אום פאר זייערע זיהן שכר למוד צו צאהלען; ער זאל לערנען תורה!

עס האט זיך אין א געוויסען זין אומגעביטען די תורה; פון די תורה איז געווארען אלגעמיינע בילדונג וועלטליכע וויסענשאפטען, עס זיינען אבער געבליבען די זעלבע טרעגער; די זעלבע קרבנות פון די עלטערן, וואס האבען זיך מקריב געווען די קינדער זאלען לערנען. די קינדער ווידער האבען איבערגענומען די אמאליגע אלטע תלמודישע פארם ווי "על הארץ תישן, וחיי צער תחיה, ובתורה אתה עמל." (שלאפען אויף דר'ערד, לעבען אין צער, און זיך מיהען אין דער תורה). דאס איז ווידער געווארען א אידעאל פון א דור! און א גאנצע יוגענד האט געלעבט מיט'ן בוך, א לעבען פון צער, און איז זיי אין זייער לאנד אומעגליך געווען צו לערנען — די קוואהלען פון וויסען זיינען זיי פערשלאסען געווען — האבען זיי זיך איבער פרעמדע לענדער פערשפרייט, און פון יענע קוואהלען געטרונקען אבי צוזאמען זיין מיט'ן בוך, מיט'ן ספר, מיט די מחשבה פון דער וועלט

און די וועלט האט געמורמעלט: די וועלט האט ניט פערשטאנען וואס עס טהוט זיך דא. עס קומען אראפ מענשען דארע, מאגערע — אייפאך פערהונגערטע, און אט די פיהלען אן די אייראפעאישע אוניווערזיטעטען עסען ברויט מיט וואסער און לערנען! מאדנע ווילדע רוסען.. דער דייטשער רייכס קאנצלאר פאן בילאוו, האט זיי אייפאך אמאל אין רייכסטאג אנגעריפען: "שנארער!.. ער האט געגען זיי ארויסגעגעבען א געזעץ, אז יעדער סטודענט, מוז ווייזען אז ער בעקומט מאנאטליך א הונדערט רובעל אויף לעבענס מיטעל אז ניט טאר ער ניט לערנען.. ער האט געמיינט אז ער איז פארטיג מיט די "שנארער". א איד גיט זיך אן עצה. יעדער האט עפעס א בעקאנטען גביר אין זיין שטאדט. וואס קען עפעס — פארזעצען; — אויף א הונדערט רובעל און מען שיקט דאס גאנץ פיין אריין אלע מאנאט אין בערלין, מ'ווייזט עס די פאליצייי און מ'שיקט עס טאקע אין זעלבען טאג צוריק.. און אזוי דרעהט זיך דאס רעדעל; מ'הונגערט און מ'שטודירט און עס האדעווען זיך ביי אידען דורות פון שריפטשטעלער פאעטען און קינסטלער. און די וועלט ארום שרייט, און ניט נור פרעמדע נור אויך אייגענע שרייען. מאקס נארדוי האט זיך געקלאגט אז ער האט שוין ניט קיין כח צו די "בעטעל סטודענטען" צואדי "שנארער פראפעסארען".. ער האט זיך מיט זיי גערעכענט אויף די טריבונע פון די קאנגרעסען, וואו ער האט געזאגט יונגען אידישען ארימען סטודענט: "ווען איך קען ניט זיין קיין שוסטער מוז איך דאך ווערען מיניסטער".

און די אוניווערזיטעטען זיינען דאך פול געווען מיט די אידישע — און גראדע ארימע אידישע סטודענטען, און די אידישע טראדיציע פון עם הספר איז שטארקער געווען אפילו פון נארדוי'ס שארפזין: און די אידישע יוגענד האט געלערנט און אין ארימקייט געשפינט דעם פאדים פון בוך!

און טיעף אין זיך האט א אידיש הארץ זיך געפרעהט, ווען עס האט געהערט די טענות צו אידען למשל פון א רוסישען מיניסטער: וואס זאלען מיר טהון מיט די אידען? דאס איז א אויסערגעוועהנליכעס פעהיגער פאלק ווען מיר זאלען פיר זיי עפענען די טהירען פון אונזערע שולען וועלען זיי אונז איינפאך דערטרינקען.. דער געשריי איז ניט נור געקומען פון רוסלאנד, נור אויך אין דייטשלאנד און פראנקרייך האט מען געהערט אז די אידען האבען פערנומען דיא ביהנע די ליטעראטור, קונסט און א. וו. און א שרעק האפט אן דעם אידען ווען ער טראכט ווי וואלט געווען פערקעהרט? ווי וואלט געווען, ווען מ'וואלט אויף אידען געזאגט: אח! די אידען! א פאלק פון אונוויסענדע נפשות זיי קענען ניט בעגרייפען די וועלט מיט איהרע איינריכטונגען, ווי קומען אזעלכע אין אקאדעמיעס און אוניווערזיטעטען?.. א גרויל — און די אידען וויסען, און די וועלט ווייס, אז דער שווארצליכער אידישער האלז, פאסט זיך זעהר צום שנירעל פערל פון א שפינאזא מענדעלסאן, בערגסאן, א. ז. וו.

נון, קומט אן די מלחמה און די אידישע סטודענטען־שאפט אנטלויפט אין טוידט־שרעק מיט די ביכער, פון דייטשלאנד, בעלגיען, פראנקרייך קיין לאנדאן און ניו יארק. און דארט טרעפען זיי זיך צום ערשטען מאל מיט א סביבה א פיינדליכע צום בוך.. דא איז ניטא די חכמה פון ווייזען געלד בריעף דן פאליציי פערקעהרט דא טשעפעט דיך קיינער ניט, דא ביזטו פריי נאר די אטמאספערע איז אזא: וואו א גאנצער בנד איז א זאך, גאנצע שטיוועל — א וואוויטע זאך, און פרטער־בדויט צו "טי־טיים" א דריטע גוטע זאך! און דאס אלעס גיט די מאשין.. און צום ערשטען מאל האט זיך זייער בוך געטראפען מיט די מאשין און עס האט זיך געדאכט אז עס ווערט צומאהלען.

— — — — — — —

ווען דיא אנטלאפענע סטודענטען זיינען אנגעקומען אין לאנדאן, און די אידישע פילאנטראפען האבען זיך אן געהויבען מיט זיי בעשעפטיגען, האבען זיך אין זייערע אפיסעס געטהאן מעשים. די ענגלישע אידישע גדולים האבען אייפאך ניט פערשטאנען וואס טהוט זיך דא? זיי ווייסען אז דער רוסישער איד איז אן ארימאן, א קבצן און דא אזוי פיעל סטודענטען! און נאך וואס פאר א סטודענטען — און פילאזאפיע.. דער ענגלישער איד האט נאך ווי עס איז פערשטאנען און רעספעקטירט דעם וואס שטודירט מעדיצין, טעחניק, אבער פילאזאפיע, וועלען זיי דערפון האבען ברויט! עס איז אבער געווען נאך ערגער, עס זענען געווען אזעלכע וואס האבען שטודירט אריענטאלע שפראכען. עס זיינען געווען מיידלאך וואס האבען שטודירט גראדע — אינזשעניער!.. עס איז געווען א מיידעל, א טאכטער פון א אידישען שוסטער אין פוילען, וואס האט שטודירט "עמבריאלאגיע". דער אפיס האט זיך געוויענט א סטודענט פיר "עמבריאלאגיע! נאר אין גאנצען זיינען זיי ארויס פון די כלים, ווען א רוסישער פערטראכטער סטודענט, האט זיי געענטפערט עז ער שטודירט "אסטראנאמיע!".. זיי זיינען ארויסגעלאפען און איבער געגעבען איינער דעם צווייטען די אונערהערטע חוצפה פון שטודירען כדי צו זיין אסטראנאם, א שטערען־זעהער.. און די אלטע אידישע טראדיציע, פון "עם הספר" האט זיך געדאכט וועט צוטראטען פון ביזנעס־גייסט!

— — — — — — —

און דאך איז די טראדיציע פון "עם הספר" שטארקער ניט נור פון די ענגליש־אידישע פילאנטראפען, נור אויך פון די מאשין! א נייער עלעמענט האט זיך בעוויזען אויף דיא אידישע גאס! א עלעמענט וואס געפינט זיך שוין אויף די אנדער זייט פון די מאשין, און פון וועלכע אפילו די מאשין האט ניט געקענט אויסזויגען די ליעבע צום בוך; דאס איז דער אידישער ענטוויקעלטער ארבייטער וועלכער האט אויסגעפונען א מעגליכקייט אין איין האנד צו האלטען דיא מאשין און מיט די אנדערע האנד דאס בוך! און אין די נאהענטע צוקונפט וועט דיא וועלט ווידער שטוינען, ווען די אוניווערזיטעטען וועלען פול זיין מיט אידישע ארבייטער סטודענטען. עהרע און אכטונג די טרעגער פון א נייער רעוואלוציע! אכטונג און בעגייסטערונג פאר'ן גרויסען אלטען פאלק — דעם עם הספר.

עס איז פאראן א פיינער צויבער
אין דעם בעסטען אראמא פון
"SALADA"
דיעזער אראמא איז א בן יחיד, מען געפינט איהם ניט אין די ביליגע און געוועהנליכע טהעען. לאמיר אייך שיקען פער פאסט א סעמפעל.
שווארץ געמישט אדער גרין.

עס איז אונמעגליך

(פעליטאן)

פון י. ראזען

"טאטע, דו לאכסט? אז אך און אז וועה צו דיין געדעכטער."

אזוי, זאגט מען, האט אמאל א פשוט'ער בנ'אק געזאגט צו זיין טאטען. אנטקעגען וואס איך זאג דאס? האט נאר אביסעלע געדולד און — איהר וועט עס אויך זאגען.

נעכטען האט מען דאס מיר דערצעהלט און נאך פלאמט מיר מיין פנים.

עס איז אונמעגליך!

ביינדלעך פון טשיקענס, צוגריזשעטע און צעטשמאקעטע ביינדלעך מיט שאלאכטס פון באנאנעס, און שטיקלעך ארומגעגריזעטע עפעל, שאלעכטס פון "פינאטס", און נאך פערשיעדענע באבלים האט מען געטראפען אויפ'ן מארפעט פון טהעאטער נאכדעם ווי איהר האט עס פערלאזען.." אזוי האט דער מענעדזשער פון טהעאטער געזאגט.

ער האט זיך די האר פון קאפ געריסען. איך אויך.

ער — ווייל ער האט געהאט שאדען. רייניגען קאסט געלד.

איך ווייל עס איז מיר געווען א שאנדע און א וועטאג..

"איך האב גערעכענט", זאגט דער מענעדזשער, צוליעב אזא געלעגענהייט קומען בלויז אינטעליגענטע מענשען, וועט מען מיין טהעאטער ניט שעדיגען, צום סוף — בענענעס מיט פינאטס מיט ביינער, אבגעגריזעטע ביינער."

"דאס לעצטע מאל!"

גערייניגט דאס פלאץ האבען גוים א גאנצע נאכט. יעדער האט חוזק געמאכט פון אייך און פון מיר.

איך בין דארט אויך געווען.

איהר און איך זיינען אין זיעבטען הימעל געווען. מיר האבען דאך אוחם אזוי ליעב.

איניגע אבער זיינען געקומען פינאטס עסען..

עס איז אונמעגליך!
איך גלויב עס ניט!

— — — — — — —

טאלסטאי, דער קינסטלער, האט געשריבען א קונסט ווערק: "תחית המתים".

איהר לעזט עס און איהר פיהלט אז איהר שוועבט אויף ריינע, דורכזיכטיגע, מיט זונען שטראהלען דורכגעוועבטע זילבער וואלקענלעך, איהר פיהלט א בשמים ריח פון גן עדן און אייער אויער פערנעהמט אקארדען פון טענער זיס און זאנפט ווי נאר אייער פאנטאזיע איז בכח זיך פארצושטעלען, און פלוצלונג — א קאלט שפעל אונריינע וואסער און א ביטערע דיסאילוזיאן, א פראסטער מיסיאנער וועלכען טאלסטאי פיהרט ארויף אויף דער ביהנע און איהר זעהט גרויזאם ענטוישט.

א קריטיקער האט געגעבען א משל:

עס האט אמאל א גרויסער פלאריסט, א קינסטלער אין זיין פאך, וועמענס פלאנצען אין בלומען מענשען מארבע פינות העולם זיינען געקומען בעוואונדערען, אט דיעזער גרויסער קינסטלער האט געהאט א שוואכקייט:

ער האט געלאזט חזירים קומען אין זיין פרעכטיגען גארטען טהוען [illegible] ארבייט.

— און די פערעהרער זיינען פון פלאריסט'ס גארטען אוועק ענטוישט און ניעדערגעשלאגען.

עס הארמאנירט ניט.

די עם הספר'ניקעס, אידען וועמענס מוזיקאלישע טענער הערען זיך אין דער לופט אויפ'ן גאנצען ערד קוגעל, פון וועמענס ביבעל די שעקספיערס מיט די בייראנס שעפען אינספיראציאן, אידען מיט זייערע נביאים, דענקער, דיכטער, פינאנסיסטען, דיפלאמאטען און מוזיקער אידען קומען אויסדריקען ליעבע און אכטונג צו זייער פינדאר, זייער אין הארצען איינגעבאקענעם משורר, אידען קומען אין זייערע יום־טוב'דיגע קליידער אין א יום־טוב'דיגער שטימונג הערען א יום־טוב'דיג ווארט א הייליג ווארט און — ביינער פון טשיקען, פינאטס מיט שאלעכטס פון עפעל און באנאנעס..

איך חלש..
עס איז אונמעגליך!

— — — — — — —

ניט אלע, זאגט איהר?

געוויס, ניט אלע!

וואס האבען אבער די פאר וואס פינאטס איז זייער ליעד און לעבען, צו קומען אין א מקום קדוש? וואס האבען א פאר נבזה'ניקעס צו קומען און בעשמוצען א הויז אין מאמענטען ווען מען מוז פערשטעהען אז מען דארף מיט יראת הכבוד אריין קומען?

— — — — — — —

און אפשר איז דאס א בלבול. אדער א חלום.

עס איז דאך אונמעגליך אז דאס זאל אמת זיין.

ווי קומט א פינאטס מענש צו פאעזיע און שעהנקייט?

פינאטס מענשען, מיט ביינער מענשען מיט, צעגריזשעטע עפעל מענשען אודאי און אודאי ניט.

עס איז אונמעגליך!

עס האט זיך מיר געמוזט חלומ'ען. פונקט, למשל, ווי מען וויל מיר איינרעדען אז דער וואס האט אוועקגעטראגען א מסירה'לע אויף דיעזער צייטונג, א שמוציג מסירה'לע, איז א אונזעריגער.

עס קאן ניט זיין.

עס איז אונמעגליך!

עס איז איינער בלויז, זאגט איהר? און מיר האבען דאס רעכט, זאגט איהר, צו האבען איין פאסקודניאק, זאגט איהר, ווי אנדערע?

דאס רעכט האבען מיר טאקי; ווי קומען אבער צו אונז אידען אזעלכע ניעדריגע ברואים?

עס קאן ניט זיין, דאס מוז זיין א חלום.

איך גלויב עס ניט.
עס איז אונמעגליך.

— — — — — — —

און אפשר? . . .

דייטשער בעריכט וועגען הימעלשער אטאקע

בערלין פעברואר 21

אן אפיציעלער בעריכט לויטעט:

"דייטשע פלאטען עראפלאינס האבען אטאקירט דעם ענגלישען ברעג זונטאג נאכמיטאג. באמבעס זיינען געווארפען געווארען מיט גוטען ערפאלג אויף פאבריקען, אויף דעם הינטער חלק פון די אייזענבאהן דאקס, און אויף דעם גאז הויז אין לאוסטאפט. די הויפט סטאנציע און די דאקס אין לאוסטאפט זיינען איינינגע מאהל געטראפען געווארען. דאס גאז הויז איז דורך די באמבעס געמאכט געווארען פאר נוצלאז. צוויי דאמפפער זיינען באמבאדירט געווארען. טראץ דעם שונא'ס פייער און דאס פערפאלגען פון עראפלאינס זיינען אלע דייטשע מאשינען צוריק געקומען זיכער.

HASSAN
CORK TIP
HASSAN
CORK TIP
CIGARETTES
די אריענטאלישע סיגארעטס
הויך אין קוואליטעט און ביליג אין פרייז, קיינע אנדערע טערקישע סיגארעטס קענען זיך מיט זיי ניט פערגלייכען
צעהן פאר 10 סענט
קארק אדער גאלד טיפס.

אין יעדער הויז
ROYAL YEAST CAKES
ווערט געברויכט
רויעל הייווען
קייקס און גיבען
אימער די בעסטע
סאטיספעקשאן
MAKES THE WHITEST, LIGHTEST
ROYAL
YEAST CAKES
QUICK
PURE
E.W.GILLETT COMPANY, LIMITED
TORONTO, ONT
WINNIPEG
MONTREAL

דאס שלום-טייבעלע

(א פאנטאזיע)

פון מ. מלמד

א מבול האט פערפלייצט די וועלט, א מבול פון בלוט, פון טרערען און פון מארך...

שווער געזינדיגט האבען די מענשען קינדער, און גאט דער בורא האט לאנג געווארט און געשוויגען, געשוויגען און געדולדעט, ביז ער האט געלאזען אויסגיסען זיין צארן אויף דער וועלט, און ער האט זי פערפלייצט און דערטרונקען אין בלוט.

און עס האבען זיך געעפענט די פענסטער פון הימעל, און עס האבען זיך געגאסען און געגאסען אויף דער זינדיגער ערד ימען פון שוועבעל און פעך, ים'ן פון בלוט און פון טרערען, און אין דעם דאזיגען זודיגען ים האבען זיך געצאפלט פערצווייפעלט און דערשראקען, די ארימע מענשען, געראנגעלט זיך מיט דעם בלוט-רויטען טויט, און פערשלונגען געווארען איינס נאך דאס אנדערע אין זיינע היים זודיגע ארעמס פון אייזען און בליי.

און מיט איינמאל — אט זיך בעוויזען אויף'ן הארניזאנט פון אט דעם דאזיגען בלוטיגען ים א שיפעל, א קליינס, א שוואכס, מיט א ווייסען גרויסען פאהן וואס האט אזוי אומעטיג געפלאטערט אין דער הויך, און אזוי ווי דערשראקען זיך מיט זיין ארימער ווייסקייט פאר דער שרעקליך רויטער בלוט-וועלט.

געוויגט האט זיך דאס שיפעל שוואך און ניט זיכער אויף די כוואליעס פון דעם רויטען ים, מעהר געשטאנען געאנקערט אויף איין פלאטץ, איידער געגאנגען ווייטער — שטורמס גרויסע, איינער שטארקער פונ'ם אנדערען, האבען דאס קליינע שיפעל געוואחפען אראב און ארויף, פון איין בלוטיגע כוואליע אויף דער צווייטער, פון איין ברעג פונ'ם רויטען ים צום אנדערען...

און ניט געשטילט האט זיך גאט'ס צארן, און ניט גענוג איז נאך געווען זיין שטראף פאר די שלעכטע, זינדיגע מענשען און ער האט געמעהרט צו גיסען דעם רויטען פלאקער אויף דער וועלט, און געטראכט אין גאנצען זי אומצוברייגגען און אבווישען זי פון דעם פנים פון דער ערד.

און אט אין דעם דאזיגען שטורם האט א מענש ארויסגעשטעלט זיין קאפ פון דעם קליינעם שיפעל אויפ'ן רויטען ים, א מענש איז דאס געווען א יונגער, נור די האר פון זיין קאפ און בארד זיינען געווען ווייס ווי שנעע. דער דאזיגער מענש האט בעזארגט געקוקט אויפ'ן הימעל, וועלכער איז נאך אלץ געווען ווי פערקאוועט אין געדיכטע, טונקעל-רויטע וואלקענס, וועלכע האבען געגאסען פון זיך דעם רויטען רעגען אהן אן אויפהער. געקוקט האט דער יונגער מענש לאנג און בעזארגט און צום סוף האט ער צוריק אריינגעצויגען דעם קאפ אינווייניג, און באלד דערנאך האט ער זיך ווידער בעוויזען, דאס מאל האט ער געהאלטען אין האנד א יונגע, ווייסע טויב.

— פליה, טייבעלע מיינס, איבער דער ברייטער וועלט, און זעה, צי זיינען שוין געשטילט געווארען די וואסערען פון טויט און פערדערבען... צי איז ערגעץ דא א שטיקעלע יבשה וואו מיר זאלען קענען דאס ארימע שיפעל אונזערס פעראנקערען...

אזוי האט דער יונגער מענש גערעדט צום טייבעלע, און געלאזען עס אוועק פליהען אין דער ווייטער מיט בלוט אנגעפילטער וועלט.

און געשטאנען איז דער יונגער מענש שטיל און בעזארגט און געווארט, זעהר לאנג געווארט...

— — — — — — — —

דריי טעג און דריי נעכט האט זיך דאס טייבעלע געזאמט אין וועג, און צום סוף פון די דריי טעג איז עס צוריק געקומען, אבער ניט מעהר ווייס איז עס געווען, נור רויט, איינגעטונקען אין בלוט...

—— דער רויטער ים זידט און קאכט — האט געמעלדעט דאס ארימע טייבעלע — ניטא נאך קיין איינציגער פלאטץ אויף דער גאנצער ערד וואוהין מע קען דאס שיפעל אונזערס, דאס קליינע, צו ברייגגען...

און ביידער דער מענש און דאס טייבעלע, האבען אין טרויעריגען שטיל-שווייגען ארונטערגעלאזען זייערע קעפ.

פון דער אלטער וועלט

29 אידען ווערען אדוואקאטען אין רוסלאנד.

די רוסישע רעגירונג האט בעשטעטיגט גאנצע 29 אידען אלס אדוואקאטען. די אדוואקאטען געזעלשאפט האט רעקאמענדירט 118 אידען פיר בעשעפטיגונג אבער די רעגירונג האט פרלויפיג די רעקאמענדאציאן וועגען די איבריגע ניט אנגענומען.

ביאליסטאקער אפיציעלער בולעטען ערשיינט אין אידישען שפראך

אין ביאליסטאק האט דער מיליטערישער קאמענדאנט פון דער דייטשער ארמיי ארויסגעגעבען די ערלויבניס פאר פארטזעצען די ציוניסטישע ארבייט אין שטאדט. מיט דער בעוויליגונג פון'ם קאמענדאנט האבען זיך אלזא די ציוניסטען צונויף גענומען און אנגעהויבען זייער טהעטיגקייט אויפ'ס ניי.

ערשיינט דארט א מאנאטליכער בולעטין אין דייטשער און פוילישער שפראך און אויך האט מען בעשלאסען, ארויסצוגעבען דעם בולעטין אין אידישער שפראך. צום רעדאקטאר פון אט דער אויסגאבע איז בעשטימט געווארען דער אידישער שריפטשטעלער הערשבערג.

די לאנדאנער סאנדיי ״טיימס״ דרוקט א קארעספאנדענץ פון איהר פעטראגראדער קארעספאנדענט אין וועלכער ער שילדערט די לאגע פון רוסלאנד.

ער שרייבט:

די אינערליכע לאגע פון רוסלאנד ווערט וואס אמאל ערגער. די ״נאוואיע ווערעמיא״ אפילו האט שוין אויך אנגעפאנגען צו ציהען די אויפמערקזאמקייט אז עס דערנעהנטערט זיך דער מאמענט ווען די פראגרעסיסטען און די רעאקציאנערען וועלען אין קורצען קומען צו א ערנסטע צוזאמענשטויס.

אין פעטראגראד האבען די לעבענס מיטלען געשטיגען צו א אונגעהויערע הויכער מדרגה. פלייש איז אוממעגליך צו בעקומען אין די שאפען. די פרייזען פון ברויט, צוקער און פוטער זענען אזעלכע אז עס איז ניט פאר די פאקעטס אפילו פון פערמעגליכע מענשען.

די לאגע אין מאסקווא איז אונערטרעגליך. פיעלע קאנטראקטארס ספעקולירען מיט די לעבענסמיטלען. דאס זעלבע טהוען אויך די באנקען און אויף אזוי פיעל אז מהאט ארעסטירט די דירעקטארען פון סאמארער באנק פאר שווינדעל און זיי זייענען אנגעקלאגט אין געריכט.

די ״נאוואיע ווערעמיא״ טהיילט אויך מיט אז די שווארץ-מאה'ניקעס פראפאגאנדירען שטארק וועגען דער אידעע וועגען א סעפאראטען שלום. זיי האבען אויך פערשפרייט אין אלע פראווינציעלע הויפט שטעדט פון רוסלאנד פראקלאמאציעס וואס רופען אויף צו פאגראמען.

אין די פראקלאמאציעס ווערט דיא קריסטליכע בעפעלקערונג אויפגעהעצט געגען די אינטעליגענטען דיא בענק און די אידען זיי ווערען אנגערופען די בלוט-זויגער פון רוסישען פאלק, אז זיי האבען געבראכט דערצו אז מען זאל קיין לעבענס-מיטלען ניט קענען בעקומען רופען זיי ארויס אנרוהען און דאס שרייבען דיא שווארץ-מאה'ניקעס וועט ארויסרופען א ניעדערלאגע, און פאלגלאך א רעוואלוציאן אראבצוווארפען דעם צאר און נעהמען די מאכט אין זייערע הענד.

אלע פראגרעסיווע עלעמענטען מוז מען בעקומען.

עס איז א וואונדער אז די פראקלאמאציעס זענען ניט קאנפיסקירט געווארען פון דער רעגירונג.

מיט דער געלעגענהייט בעמערקט די רעטש אז בעת'ן צוזאמענפאהר פון די שווארץ-מאה'ניקעס אין ניזשני נאווגאראד, האט דער צאר געשיקט צו די שווארצע א בעגריסונגס-טעלעגראמע און א דאנק, פאר זייער טריהייט צום טהראן.

די ״וועווירסקאיא גיעדעליא״ מעלדעט, דאס די וויטעבסקער אדמיניסטראציע האט אויסגעארבייט איינענארטיגע מיטלען ווי אזוי צו רעגולירען דעם האנדעל אום שבת. ווען אידישע סוחרים און קרעמער איז רעליגיעז פערבאטען צו ארבייטען.

אב אנפאנג, ווען עס איז ענטשטאנען די פראגע וועגען עפענען אלע געשעפטען פון שפייז פראדוקטען אום שבת און אידישע ״ימים טובים״ האט מען געמיינט דאס נאר 25 פראצענט פון אלע קראמען וועלכע האנדלען מיט פראדוקטען פון דרינגענדע נייטווענדיגקייט, וועלען מוזען בלייבען אפען.

אזוי האט אויך געהאט בעשלאסען די בעראטונג פון דער וויטעבסקער שטאדט דומע מיט דעם אנטייל פון ארטיגע סוחרים פון ״בריקאזשיקעס״.

שפעטער האט זיך ארויסגעצייגט דאס לויט דער פעראדנונג פון דער ״מאכט״, האבען זיך אום שבת געמוזט עפענען 50 פראצענט געשעפטען פון דערמאהנטען באעקטער.

אין דער ווירקליכקייט איז ענדליך אויסגעקומען דאס אלע געשעפטען אהן אן אויסנאהם האט מען, לויט די פליכט-פערארדנונג געמוזט אפען האלטען שבת און ניט בלויז שפייז-קראמען אליין זאנדערן אויך די פירמען פון מאנופאקטור סחורות, שרייבט ארטיקלען, א. ז. וו.

צוזאמען מיט די בעשטראפונגען פון 4 גרויסע וויטעבסקער מאנופעקטוריסטען, פאר עובר זיין אויף די ״פליכטס-פעראדנונג״ פון דער אדמיניסטראציע האבען אויך געליטען פון שווערע געלד שטראפען גאנץ קליינע ארימע קרעמערלאך פאר ניט וועלען מחלל שבת זיין.

די רשימה פון די שטראפען און רעפרעסיעס פון דער אדמיניסטראציע געגען וויטעבסקער אידישע בזנעסלייט האט זיך גענומען דרוקען אין ארטיגען ״ליסטאק״ אונטער א ספעציעלע רובריק פאר ניט עפענען געשעפטען אום שבת״.

לעצטענס האט זיך די לאגע עטוואס פערגרינגערט, לויט אן איינפערשטענדניס מיט דער פאליציי איז פעסטגעזעצט געווארען א/מין חלול שבת נאך דער רייהע: איין שבת מוזען זיין אפען אלע אידישע געשעפטען אויף איין זייט פון די גאסען דעם צווייטען שבת אויף דער צווייטער זייט...

וועגען משפט פון 11 רוסישע סאציאליסטען.

אין חארקאוו איז פארגעקומען אין קריעגס געריכט דער פראצעס וועגען 11 סאציאליסטען רעוואלוציאנערען.

איצט איז ערקלעהרט געווארען דער אורטהייל:

דער געוועזענער סטודענט זארודני און די ארבייטער שאקום און לעוושענקא זענען פער'משפט געווארען צו פערשידענע טערמינען אין פעסטונג. די סטודענטען יעוומיאנאוו און דאטיאנף, און די קורסיסטקע יאגזשאנגא און דער ארבייטער מאראזאוו זענען בעפרייט געווארען.

אידישער פליכטלינג בעגעהט זעלבסט מארד.

פעטראגראד. — אין דער פאבריק בלומבערג האט זיך אויפגעהאנגען א אידישער ארבייטער קריג, וואס איז אנטלאפען פון ווארשא.

דער אידישער קאמיטעט האט פאר איהם געפונען ארבייט איין טאג האט מען איהם געפונען אויפגעהאנגען אין דער פאבריק. ער האט איבערגעלאזען א צעטעלע אז ער נעהמט זיך דאס לעבען צוליעב דעם וואס ער בענקט זעהר שטארק נאך זיין פאמיליע וואס איז פערבליבען אין ווארשא.

אידען שווארץ מאהניקעס

דער ״דיען״ האט פערעפענטליכט א כאראקטעריסטישען בריעף פון פארזיצענדען פון שווארץ-מאה'דיגען פערבאנד אנ. סטאלינסקי צום פארזיצענדען פון לאנדעם פערבאנד וו. ארלאוו, וועלכער איז שטארק געטאדעלט געווארען פון די שווארץ מאה'דיגע ארגאניזאציעס, פאר זיינע נייגונגען צו אידען און פאר זיין אריינגעהמען אידען אלס מיטגליעדער אין שווארץ-מאה'דיגען פערבאנד.

וו. ארלאוו א בעוואוסטער ארכעאלאג האט אויף דעם געענטפערט פאלגענדעס: לויט דעם געזעץ פון פערבאנד האט מען קיין אידען ניט געטארט אריינגעהמען, איצט האבען מיר אבער אנגענומען אן אנדערע טאקטיק אין בעציג צו די אידען און איהר וועט בערשטעהען אז עס וועט אינז תיעל נוצען ברענגען.

א גרוס פון די פערסישע אידען.

צו די לענדער, אין וועלכע עס ווערט פערגאסען אידיש בלוט איז איצט צוגעקומען אויך פערסיען, אבער דארטען איז דער חורבן פאר די אידען נישט מעהר קיין נייע זאך. די שטענדיגע אונרוהען, זענען אלע מאל געווען בעגלייטעט פון פאגראמען און צעשטערונגען פון גאנצע אידישע קהלות. נאר זעלטען ווען עס דערגעהט צו אונז דער הילף-רוף פון אונזערע ברידער אין ווייטען פערסיען.

אין בושיר, איינער פון די וויכטיגסטע האנדעלס-האפען פון פערסיען לעבען בערך 500 אידען, מייסטענס בעשעפטיגען זיי זיך מיט האנדעל. אלע זענען זיי שטארק רעליגיעז און ריידען אין פר וואט לעבען נאר העברעאיש. זיי שפילען אויך א ראלע אין שטאדטישע ענינים וואו זיי ווערען גערעכענט צו דער אינטעליגענץ. אין קאזיראן איז פון דער אמאליגער גרויסער קהלה געבליעבען נאר א צאהל פון 75 אידישע נפשות. א גרויסע אידישע קהלה איז פאראן אין שיראז, און ערך 5000 אידען מיט עטליכע שוהלען וועלכע ווערען אונטערשטיצט פון דער פאריזער אליאנס. א בעדייטענדע ראלע שפילען די אידען אין איספאהן, וואו פיעל פון זיי פערנעהמען זיך מיט מלוכה-שטעלונגען. א קליינע קהלה איז פאראן אין קאזווין, וועלכע איז בעריהמט מיט איהר היסטארישער שוהל איבער וועלכער עס לעבען נאך א סך לעגענדעס. די אידען גלויבען אז אין דער דאזיגער שוהל ליגען בעגראבען חנניה מישאל און עזריה. אין דער לעצטער צייט ענטוויקעלט זיך דער ארט-יעהר...

מאכט די באקען רויט
Cowan's Perfection Cocoa
Little
Miss
MAIDEN
CANADA

(פארטזעצונג פון פיידזש 2)

מקפידים ווי אונזערע הייליגע מארטירער אויף יענער זייט ים? דארטען זיינען גאנצע אידישע געמיינדען אין גלות געגאנגען ווייל מען האט זייערע רבנים אדער אנדערע פיהרער אלס לעבעדיגע משכנות געוואלט נעהמען, ניט אכטענדיג דאס פיעלע פון דיעזע פיהרער זיינען ניט קיין פרומע אידען.

אונזער הייליגע ארמיי פון וואלונטירס, וועלכע געהען ארום פון הויז צו הויז פאר זייערע אונגליקליכע ברידער און שוועסטער שטיצע צו קלייבען בעזיצען אויף א שעהנע צאהל ניט פרומע אבער קיינער פון זיי פערלאנגט ניט אז דאס געלד וואס זיי קלייבען צוזאמען זאל ניט זיין פאר די מלחמה קרבנות וועלכע זיינען ארטהאדאקסען. דיעזע וואלונטירס צייגען אונז אן אמתען ביישפיעל פון איבערגעבענהייט צו זייער פאלק, און איעדער וויפיעל פון די אזוי גענאנטע ארטהאדאקסען זייגען באמת ארטהאדאקסען? מען קען מיט זיכערהייט זאגען דאס דער קאנפערענץ האט אין זיינע רייהען די מייסטע פון טאראנטאר ארטהאדאקסישע אידען וועלכע פיהלען מיט זייערע ליידענדע ברידער און שוועסטער.

מיט אכטונג

מ. גאלדסטיק

גוט און עס וואנדערען אלץ צו נייע אירען. צו די גרעסטע און רייכסטע קהלות געהערען האמאדאן. און טעהעראן — די פערסישע הויפט שטאדט.

אין גאנצען שאצט מען די צאהל פון די פערסישע אידען אין ערך הונדערט טויזענד וועלכע זענען פערשפרייט איבער'ן גאנצען לאנד. ערשט אין די לעצטע פאר יאהר האבען זיי אנגעהויבען פרייער צו אטעמען און בעפרייט צו ווערען אביסעל פון די שטענדיגע רדיפות און בלבולים וועלכע זיי האבען געהאט אויסצושטעהן פון די פאנאטישע עלעמענטען. א דאנק דער גרויסער צאהל שוהלען און האנדווערקס-שולען וועלכע זענען געגרינדעט געווארען דורך די פאריזער אליאנס בילדען די אידען א קלאס פון אינטעליגענטע און אויסגעבילדעטע סוחרים און בעלי-מלאכות. אין פערסיען געהען ארום עטליכע אידישע צייטונגען אין מאטישער שפראך (א פערסישער זשורנאל). אין די לעצטע יאהרען איז אין פערסיען געגרינדעט געווארען א שטארקער ״יוגענד פערבאנד״ וועלכער שטרעבט איינצופילען דעם נאציאנאלען געדאנק אינ'ם פערסישען יודענטום. דער פערבאנד אגיטירט זעהר פיעל פאר דער העברעאישער שפראך. אויפפאלענד גרויס איז די ליעבע און איבערגעבענקייט פאר ארץ ישראל וועלכע הערשט אין אלע קרייזען פון די פערסישע אידען. די אמונה אין דער אידישער גאולה און ביאת המשיח לעבט ביי די פערסישע אידען נאך מיט דער זעלבער קראפט ווי פון אמאליגע צייטען.

נאך $614,000 ווערט געשיקט פאר אידישע מלחמה קרבנות.

ניויארק —

נאך 614 טויזענד דאלאר וועט די טעג געשיקט ווערען צו די ליידענדע אידען פון די מלחמה לענדער דער בעשלוס צו שיקען דיזע סומע געלד איז אנגענומען געווארען ביים לעצטען מיטינג פון דער ״דשאינט דיסטריביושאן קאמיטע׳ וועלכע בעשטעהט פון די דריי פאלגענדע רעליעף קאמיטעס: די אמעריקאן דזשואיש רעליעף קאמיטע די סענטראל רעליף קאמיטע און די פאלקס הילף קאנפערענץ.

דאס געלד ווערט צוטהיילט אויף פאלגענדען אופן: 200 טויזענד דאלאר פאר רוסלאנד, 200 טויזענד דאלאר פאר פוילען און ליטא, 180 טויזענד דאלאר פאר עסטרייך אונגארן און גאליציען, 15 טויזענד דאלאר פאר ארץ ישראל, 15 טויזענד דאלאר פאר מעדיצין פאר ארץ ישראל, 2500 דאלאר פאר עפירוס, נארד גריכענלאנד. און טויזענד דאלאר פאר די דארדאנעלען.

דער סך הכל פונ'ם געלד וואס איז אבגעשיקט געווארען ביז איצט צו די פערשידענע לענדער פון קריעג איז: 3.692,749,48 פון דיזער סומע איז אוועק $1282,000 פאר רוסלאנד, $860000 פאר פוילען און ליטא; $610,000 פאר עסטרייך-אונגארן און גאליציען; פאר ארץ ישראל $142.248.39 אויסער דיא $80.506.09 וואס האט געקאסט די אויסריכטונג פון דער רעגירונג שיף ״וואולקאן״.

אין עפירוס (נארד גריכענלאנד) האט די קאמיטע ביז איצט געשיקט $15.000 און $1000 נאך די דארדאנעלען.

בריינגען גרוסען פון אלטע היימען

ניויארק — לעצטען מיטוואך זענען אין ניויארק אנגעקומען פיעלע וויכטיגע געסט, ווי דר. מאסענזאהן, געוועזענער דירעקטאר, פון דעם העברייאישען גימנאזיום אין ארץ ישראל, לעווין-עפשטיין פון דער כרמל' וויין קאמפאניע, און מר. זאב גליסקין, א בעקאנטער ציוניסט, און פאלגענדעס איז א טהייל פון זייער גרוס, וועלכען זיי האבען איבערגעגעבען צו פארשטעהער פון דער אידישער פרעסע.

מארגענטהוי דער מלאך הגואל.

״מר. מארגענטהוי איז אונזער מלאך הגואל״. האט דר. מאסענזאהן אויסגערופען מיט בעגייסטערונג ״ער האט גערעדט די הונדערטער טויזענדער אידען אין ארץ ישראל פון אונטערגאנג, ער האט גערעטעט דעם אידישען ישוב אין דער הייליגער לאנד; א דאנק איהם לעבען און אקזיסטירען די אידישע אינסטיטוציאנען און קאלאניעס און אלעס וואס די פיאנערען האבען אויפגעבויט.

״מען דארף ניט פערגעסען, אז מר. מארגענטהוי האט זיך קיינמאל ניט ערקלערט אלס ציוניסט און איז קיינמאל קיין ציוניסט ניט געווען. זייענדיג אלס אמבאסאדאר אין טערקיי און בעקוקענדיג די אידישע קאלאניעס, איז מר. מארגענטהוי בעגייסטערט געווארען און האט געטהון אלעס וואס ער האט געקענט צו רעטען די אידען אין ארץ ישראל.

״א דאנק מר. מארגענטהוי'ען איז עס געווען דר. גלייסבורג, דער אמעריקאנער גענעראל קאנסיל אין ירושלים. וועלכער האט גערעטעט די אידישע בעפעלקערונג אין דער הייליגער שטאדט ירושלים. דר. גלייסבורג איז א קריסט און איז 70 יאהר אלט. טראץ זיין עלטער האט ער אוממידליך געארבייט פאר די אידען פונקט ווי ער וואלט אליין געווען א איד מיט א ווארימע אידישע הארץ.

אידישע אינסטיטוציאנען אין ארץ ישראל לעבען ווי פריהער.

אויף דער פראגע וואס הערט זיך מיט'ן ציוניזם אין ארץ ישראל, האט דר. מאסענזאהן געענטפערט פאלגענדעס:

״עס איז ניטא קיין ציוניסטישע אקטיוויטעט אין ארץ ישראל אבער עס לעבען און אקזיסטירען די אידישע אינסטיטוציאנען ווי פריהער. זיי געהען אן מיט דער ארבייט ווי פריהער. דזשעמאל פאשא'ס כעס האט זיך אבגעקיהלט. און איז געווארען פיעל בעסער און פריינדליכער סאי צו די ציוניסטישע פיהרער און סאי צו דער ציוניסטישער בעוועגונג.

סאקאלאוו טהוט גוטע ארבייט אין ענגלאנד.

״נחום סאקאלאוו טהוט א'ף גוטע ארבייט פאר'ן ציוניזם אין ענגלאנד״

זיין ארבייט בעשטעהט פון פאלגענדע צוויי טהיילען: ערשטענס, איז ער אויף דער וואך פון דער ציון בעוועגונג און ארבייט צוזאמען אויף דעם געביט מיט די אנדערע פארשטעהער פון דער ציוניסטישער בעוועגונג. צווייטענס, און דאס איז דאס וויכטיגסטע, ער ארבייט צו ווירקען אויף די ענגלישע איינפלוסרייכע אידען זיי זאלען זיין פריינדליך צום ציוניזם. און ווען דער ציוניזם וועט אמאהל ארויסגעבראכט ווערען פאר דער ענגלישער רעגירונג, היפשעכליך פאר א פרידענס קאנפערענץ, זאלען די איינפלוסרייכע ענגלישע אידען ניט פערגעסען צו אריינווארפען א גוט ווארט פאר'ן ציוניזם. אין איהר מעגט זיך פערלאזען אויף דעם געביעט ערפאלגרייך.

מען האפט אויפ'ן ציוניזם.

אבוואהל דר. מאסענזאהן ערקלעהרט אז די מיינונגען וועגען דער צוקונפט פון ציוניזם זיינען צוטהיילט, דאך זיינען אלע מיט דער מיינונג אז דער ציוניזם וועט מוזען ארויסקומען פאר דעם פריעדענס קאנפערענץ. מען גלויבט אז עפעס אן ענדערונג וועט דאך קומען און וואהרשיינליך וועט עס זיין, עס וועט מוזען זיין צו גוטען.

געגען זשאבאטינסקי'ס גדוד.

דר. מאסענזאהן בעהויפטעט אז זשאבאטינסקי'ס גדוד האט געטהון פיעל שאדען די אידען. אבוואהל ער האט זיך ענטזאגט צו רעדען אין גאנצען וועגען דעם, האט ער דאך זיך ניט געקענט איינהאלטען און אויסגעשריען:

״איך בין געגען דעם מיט מיין גאנצען הארצען. עס איז א געפאהר, געפעהרליך ביז גאר!

אידישע אחדות ניט פאלקאמען.

מען האט איהם געפרעגט וואס עס הערט זיך אין אייראפא וועגען די אידישע איינציגקייט אחדות, הייסט דאס וואס האט געזאלט און געדארפט זיין אין אזא שרעקליכען קריזיס ווי דער יעצטיגער.

״עס איז אבער ניט די אידישע אחדות״, האט דר. מאסענזאהן געענטפערט ״וואס האט געזאלט און געדארפט זיין. עס איז ניט פאלקאמען, ניט ווי איך און אנדערע האבען געמאכט ערווארטען. די אידישע הילפס קאמיטעטען אין דייטשלאנד שיינען צו זיין נאך פיעל ערגער ווי פריהער. עס זעהט אויס ווי זיי וואלטען ראכע גענומען פון אונז״.

לעווין עפשטיינס גרוס פון ווארשא

מר. לעווין-עפשטיין קומט דירעקט פון ווארשא, וואו ער האט פערבראכט גאנצע דריי וואכען. ער האט פערלאזען ווארשא דעם 9טען יאנואר. לויט ער דערצעהלט בעהאנדלען די דייטשען די אידישע בעפעלקערונג אויסגעצייכענט גוט.

״די דייטשע רעגירונג״, האט ער געזאגט, ״בעהאנדלט די אידען זעהר שעהן און מיר האבען זיך ניט וואס צו בעקלאגען. אידען האבען איצט פיעל מעהר פרייהייט ווי פריהער, דאס איז איבעריג צו ערקלעהרען. אין די שוהלען לערענט מען אלע שפראכען, וועלכע איהר ווילט און פערלאנגט.

״אנפאנגס האט די דייטשע רעגירונג בעשלאסען אז פאליאקען זאלען לערנען אין די שוהלען לערנען פויליש און דייטשען און אידען זאלען לערנען די דייטשע שפראך. אבער די אידען האבען זיך בעקלאגט און געבעטען מען זאל זיי ערלויבען צו לערנען די אידישע שפראך. זיי האבען עס געפועל'ט ווייל אידיש איז דאך אייגענטליך א דייטשער דיאלעקט. אבער איצט לערענט מען געשמאק העברעאיש אין די שוהלען און די דייטשע רעגירונג ערלויבט עס״.

״אלס א פאקט ווי ליבעראל די דייטשע רעגירונג איז, קען דיענען פאלגענדער ביישפיעל. אין לאדז איז דא א רוסיש-אידישע גימנאזיום וואס איז געווען געשלאסען מיט יאהרען צוריק פון דר. ברוידי, ראבינער פון לאדז. ווען די דייטשען זיינען אנגעקומען אין לאדז און אין די שוהלען האט גענומען הערשען די דייטשע שפראך, האט דר. ברוידי זיך געווענדעט צו דער דייטשער רעגירונג מען זאל ערלויבען אין זיין גימנאזיום צו לערנען רוסיש. די דייטשע רעגירונג האט עס איהם ערלויבט.

פויליש בעציהונגען צו אידען שרעקליכער יעדען טאג.

״די בעציהונגען צווישען פאליאקען און אידען ווערען פון טאג צו טאג ערגער אין דער עפענטליכקייט איז פערשטעהט זיך שטיל, דער אנטיסעמיטיזם איז פערשטעהט זיך פערשטעלט. דאס גלייבט ניט די דייטשע רעגירונג, אבער די פאליאקען געפינען שוין מיטלען און וועגען ווי צו ארויסווייזען זייער האס צו די אידען, זיי, די פאליאקען זוכען צו בעאיינפלוסען די דייטשע רעגירונג און ווענדען אפט די רעגירונג אויף זייער זייט, די פוילישע פריצים, די ראדזיווילס האבען צוטריט צו דער רעגירונג און זייער איינפלוס איז ניט קליין.

״די אידען געהען זיך ניט בעקלאגען צו דער דייטשער רעגירונג. און אין דעם בעשטעהט די שרעקליכע טראגעדיע פון די צוויי און א האלב מיליאן פוילישע אידען. זיי בעקלאגען זיך ניט צוליעב פאלגענדע צוויי אורזאכען:

אידען זיינען ניט זיכער אויב פוילען וועט בלייבען אין דייטשע הענד און זיי וועלען ניט ווערען קיין צו גוטע ברידער מיט דער דייטשער רעגירונג, רוסלאנד וועט זיך זיכער אברעכענען מיט די אידען, זיי, די אידען אין פוילען וועלען נעהמען און צופיעל בעפריינדעט ווערען מיט דער דייטשער רעגירונג.

צווייטענס, די אידען אין פוילען דענקען, אז פוילען וועט ווערען זעלבסטשטענדיג און די פאליאקען וועלען ווערען די בעלי בתים. היינט צו וואס זאלען זיי זיך געהען בעקלאגען אויף די פאליאקען? די פאליאקען וועלען דאך די אידען פאר דעם זיכער ניט שוויינגען ווען זיי וועלען ווערען די הערשער.

״די פאליאקען ניצען אויס די געלעגענהייט און די אידישע לאגע ווערט ערגער, שרעקליכער פון טאג צו טאג.

״די פאליטישע לאגע פון די אידען איז ניט שלעכט. אבער די אידישע קהלות זיינען אבגעריסען איינע פון די צווייטע. עס איז ניטא קיין פערבינדונגען. קיין טריינס געהען ניט אויסער מיליטערישע. איהר קענט זיך פערשטעלען אז מען קען ניט ארויספאהרען און אריינפאהרען אהן א פערמיט.

״פאר א פוד (40 פונט) פראכט פון ווארשא אין ווילנא, וואס האט אמאהל געקאסט ניט מעהר פון 33 קאפיקעס. קאסט איצט 10 רובעל. מען פיהרט ווי אמאהל מיט הונדערט יאהר צוריק מיט'ן פוהר, זעלבסטפערשטענדליך זיינען די געשעפטען טויט, שרעקליך טויט.

גרויס הונגער אין פוילען.

״די בעפעלקערונג אין פוילען ליידעט שרעקליך, עס איז ניטא קיין תבואה, קיין לעבענס מיטעל. קיין עסען, מען הונגערט מען פאלט אין די גאסען פון הונגער. דאס איז דער עקאנאמישער מצב פון די אידען אין פוילען. ווען מען קען ניין, עס דארף זיין אונזער פליכט צו שיקען וואס שנעלער א שיף מיט עסענווארג צו שטילען דעם גרויסען אונבעשרייבליכען הונגער פון אונזערע ברידער אין פוילען״.

וואס אנבעלאנגט די ליטערארישע וועלט אין ווארשא, דער צענטער פון די אידישע קולטור פאר א לענגערע צייט, זאגט מר. לעווין-עפשטיין, אז די אידישע שרייבער זיינען פערהעלטנימעסיג גוט אב. אין ווארשא ערשיינען איצט דריי טעגליכע אידישע צייטונגען און דער אידישער עולם לעזט און קויפט די צייטונגען. די אידישע שרייבער זיינען בעשעפטיגט און מאכען א לעבען.

126 אמעריקאנער בירגער געטויטעט פון מעקסיקאנער

וואשינגטאן פעברואר 21

פרעזידענט ווילסאן האט נעכטען צוגעשיקט צום סענאט דעם פולען בעריכט וועגען דער סיטואציאן אין מעקסיקא. צוזאמען מיט דיעזען בעריכט האט אויך דער סענאט געקראגען א בריעף פון סעקרעטערי אף סטייט לאנסינג אין וועלכען ער ערקלעהרט אז פאר די לעצטע זעקס יאהר זיינען הונדערט זעקס און צוואנציג אמעריקאנער געהרגעט געווארען אין מעקסיקא.

דער סעקרעטער ערקלעהרט אויך אין זיין בריעף אז די דע-פאקטא רעגירונג אין מעקסיקא איז מעהר א מיליטערישע ווי א ציווילע און דאס ער האפט אבער אז עס וועט דער איצטיגער רעגירונג מיט דער צייט געלינגען צו ברענגען ארדנונג אין מעקסיקא און מעגליך מאכען די ערוועהלונג פון א קאנסטיטוציאנעלע רעגירונג.

אין דעם בעריכט צום סענאט ווערט אויך אנגעוויזען אז די יונייטעד סטייטס האט אין יעדען פאל ווען אן אמעריקאנער איז אומגעקומען אין מעקסיקא גלייך געפאדערט פולען שאדענערזאץ ווי אויך די בעשטראפונג פון די מערדער.

פרויען טהוען די ארבייט פון מענער

לאנדאן פעברואר 21

העכער 109 טויזענד פרויען האבען ביז איצט פערנומען די פלעצער פון מענער אין ענגלישען אינדוסטריעלען לעבען, געבענדיג א געלעגענהייט פונקט אזא צאהל מענער צו געהן אין דער מלחמה אריין.

דיעזע ציפערען האט דער באורד אף טרייד געזאמעלט, פיעלע פירמאס האבען אבער נאך קיין בעריכטען ניט אריין געשיקט, וועלכעס מיינט דאס נאך א גרעסערע צאהל פרויען טהוען איצט די ארבייט פון מענער.

פרויען טהוען איצט די זעלבע ארבייט וואס מענער פלעגען טהאן ביי שטאל און אייזען, און זיי טהוען די ארבייט גלייך ווי זיי וואלטען אלטע הענט דערביי געווען.

גוד ביי אלע רוקען שמערצען, נערווילין וועט אייך היילען

שטייפקייט ווערט אוועקגעריבען; יעדער צייכען פון שמערצען פערשווינדעט אין גאנצען

דענקט וועגען דעם!

קיין זאך ניט נויטיג מעהר צו נעהמען צים מאגען, אום צו קורירען רוקען שמערצען.

יעדער צייכען פון גלעהמטקייט, יעדער קאפ שמערצען, יעדער יעדער צייכען פון שוואכקייט אין רוקען אדער מוסקלען קענען אוועקגעריבען ווערען פאר אימער מיט'ן גוטען אלטען נערווילין.

קיין אנדער שמירעכץ קען דיא ארבייט ניט טהאן אזוי שנעל, קען ניט אריינדרינגען אזוי טיעף קען ניט ברענגען קיין פערלייכטערונג און בעקוועמליכקייט צו די וועלכע ליידען פון רוקען שמערצען אזוי ווי נערווילין טהוט עס.

רוקען שמערצען איז ניט די איינציגע קראנקהייט וועלכע נערווילין היילט שנעל. פאר היפטען שמערצען און לענדען שמערצען וואלט איהר בעדארפט געהן גאנץ ווייט און ניט געפינען אזא שנעלע רפואה אזוי ווי נערווילין.

פאר כראנישען רהומאטיזם זיינען דא אין נערווילין שמערצען פערגיכטענדע אייגענשאפטען וועלכע גיבען די ערשטע הילפע אויף דעם זעלבען ווענ מאכט עס ווייך שטייפע גליעדער, און נעהמט וועק די שמערצען פון אנגעשטרענגטע אדער רהומאטישע מוסקלען ווי מיט א וואנדער.

אויב איהר האט שטעכענים אדער א וועהטאג אין וועלכען עס איז טהייל פון אייער קערפער, אויב איהר האט רוקען שמערצען, א שטייפען נאקען, אנגעשטרענגטע מוסקלען — אויב איהר האט היפטען שמערצען א פערקיהלטע ברוסט אדער א וועהטאג אין האלז, פראבירט נערווילין, רייבט עס איין גענוג — עס וועט אייך ניט שאדען. עס קען אייך גאר ניט טהאן בלויז העלפען אייך שנעל. די גרויסע 50 סענטיגע פאמיליען סייז באטעל איז עקאנאמיש, איהר קענט אבער אויך בעקומען ביי אלע דילערס 25 סענטיגע קליינע סייז נערווילין, דער קעניג פון אלע שמערצען רפואות.

NERVILINE

ג. קעש דזשועלערי סטאר

קומט אייך איבערראשען מיט שייפען געלד. זא ווי מיר ווילען בעציהרען יעדען איינעם מיט שעהנע ראיעלע דזשועלערי דיומאנד נעקלייס, בראסלעטס, וואטשעס, טשיינס, רינגס פינס, און זא ווייטער מיט ספעשעל פרייזען, וועלכעס מיין וואונש איז איהר זאלט זיך איבערצייגען פאר קעש אדער וועכענטליכע אב־צאהלונגען צו יעדען עהרליכען מענשען. מיין אדרעס:

THE G. KASH JEWELLERY CO.
162 AGNES ST. TORONTO

ד. ווהייטסאן

מיוזיקאל דירעקטאר
89 ארטהור סטריט
טעלעפאן קאללעדזש 1834

לעסאנס ווערען געגעבען אויף וויאלין, ווי־אלא, פלייט, קלא־רינעט, קארנעט, א. ז. וו.

גוטע מיוזיק פאר בעללער, קאנצערטען, חתונות און איבערהויפט פאר שמחות

צופריעדענהייט גאראנטירט

בעשעפטיגט די בעסטע אידישע מיוזיקער

נעהט וואו אלע נעהן.

אלע שניידער און פעדלער קויפען זייערע וואארעס און טרימינגס פאר סוטס און אווערקאוטס ביי

ליובינסקין די ספעציעלע אגענטען פון גרעסטע און בעסטע ענגלישע און סקאטלענדער וואלען מיללס.

פאר וואס ניט איהר? אונזער נאמען איז א גאראנטי פאר קוואליטעט און ראיעלע בעהאנדלונג

J. LUBINSKY, 248 Simcoe Street, Toronto
TELEPHONE MAIN 6446

פעדלערס און סטאר קיפערס

די בעסטע סגולה אנצוהאלטען קאסטומערס און צו מאכען געלד איז צו קויפען דריי־גודס, ריינקאוטס, פענסי גודס, דזשועלערי און נאוועלטיס ביי קאפלאן און קא.

האלסייל און דזשאבער 229 קווין סטריט וועסט טאראנטא, דער בעוואוס־טער האלסייל פלאץ וואו פיעל פעדלער זיינען בערייכט געווארען, דזשאב־לאטס זיינען שטענדיג דא. ארדערס פינקטליך אטענדעט.

קאפלאן און קא. דזשאבער 229 קווין סטריט וועסט, טאראנטא אנט.
טעלעפאן אדעלייד 3772.

פעדלערס און סטארקיפערס

אויב איהר זייט סמארט גענוג און ווילט מאכען געלד פארוואס ווייסט איהר ניט דעם ריכטיגען פלאץ וואו קויפען אייערע וואארע ביליג? קומט צו ד. דייוויס 129־131 קווין סטריט וועסט וואו איהר וועט קריגען צו יעדער צייט דזשאבס, קלירינג ליינס, פון קלאדינג און דזשענטס פארנישינג צו די ביליג־סטע פרייזען און ראיעל בעהאנדלונג. מיר פער בייטען ווארע אויב ניט צופ־ריעדענשטעלענד גיט אונז א טרייעל און שפארט געלד ביים קויפען

די דייוויס 129־131 קווין סטריט וועסט טאראנטא

מיר קויפען אללערליי דזשאבס צו יעדער צייט

חתן כלה

זאלען דאס נעהמען אין אכט!

מערידזש לייסענס

קאן מען קריגען אין אפיס פון

„אידישען זשורנאל"

נאטיס!

דיא יעניגע וואס ווילען דא נעהמען זייערע מערידזש לייסענס וועלען קריגען געדרוקט א שעהנעם בעריכט פון זייער חתונה. פריי

בענוצט זיך מיט דיזע געלעגענהייט!

אדרעס פון דעם זשורנאל
251-253 קווין סטריט וועסט

פאטראניזט די אדווערטייזער וועלכע פאטראניזען דעם „זשורנאל"

דיימאנדס

$1 $2 $3
וועכענטליך

איהר האט יעצט די געלעגענהייט צו האבען דעם פיינסטען דיימאנד אדער אנדערע דזשועלערי דורך דאס קרעדיט סיסטעם פון דזשייקאב בראדערס. דיי־מאנדס ווי עס איז בעוואוסט ווערט אלע מאל טייערער און עס איז אן אייביגקייט.

מיר געטרויען יעדען עהרליכען מענ־שען זא דאס איהר האט די געלעגענהייט צו קויפען ביי אונז דיימאנדס מיט דיא לייכטעסטע אבצאהלונגען.

ספעשעל דיסקוינט 10 פראצענט פאר קעש.

דזשייקאב בראדערס 15 יאנג סט. ארקייד.

איד קאפלאן און קא.

מאך בעקאנט דעם טאראנטאר פוב־ליקום אזוי ווי איך איז בעקאנט איך בין א האלסייל בוטשער, האב איך יעצט געעפענט איין בוטשער שאפ

453 קווין סטריט וועסט

איך פאר קויף ריטייל און צו האלסייל פרייזען פון 8 סענט, ביז 15 סענט, א פונט פלייש קאלבס שעפסענע ריג־דערנע לעם ראוסט ריפען, ארדערס ווערען דעליווערט, פאן עדליעד 2825

כשר
TERDIMAN'S

כשר ווארשט פעקטארי

איהר בעקומט ביי אונז אימער די געשמאקסטע, פרישסטע און בעסטע סאסעדזשעס. ווארשט. סא־לאמא. פאסטראמא. צונגען און אלע סמוק פליישען און פיש.

פערלאנגט איבעראל טערדימאנ׳ס כשר סאסעדזש מיט׳ן רויטען לייבעל.

266 פארלאמענט סטריט
טעלעפאן מיין 909
ארדערס דעליווערט איבעראל.

פיר שמחות

ווען איהר מאכט א שמחה און דארפט ברענדיס וויין אדער ביער, דאן קומט צו דער גוט בעקאנטער פירמא

דזש. וו. רייען

188 קווין סט. וועסט, פאן מיין 106
פולער ליין פון כרמל וויין און ברענדי אין סטאק
אלע ארדערס פינקטליך אטענדעט

וויכטיגע בעקאנטמאכונג!

מיר מאכען בעקאנט דעם ווערטהען אידישען פובליקום און אונזערע קאסטי־מער דאס מיר די אלט בעקאנטע בלעק־סמיטהס

אייזיק מאסטען און סעם לעווין

האבען איבערגעמופט זייער

דזשענעראל בלעקסמיטה שאפ

פון 96 עדווארד סטריט נאך 22־24 יוקליד עווענין

וואו מיר וועלען מאכען פערשי־דענע ארבייט אין בלעקסמיטהינג און הארזשו־ינג צו מעסיגע פרייזען.

אויך אלערליי וועגענס ווערען גע־פיקסט און געפיינטעד. מיר בעטען אלע אונזערע קאסטימער און אלט בע־קאנטע דאס זיי זאלען קומען אין אונ־זער נייעם פלאץ אונז צו פאטראני־זען. און מיר פערזיכערן דאס מיר וועלען זיי אטענדען אזוי גוט ווי בעפאר.

אכטונגספאלל

אייזיק מאסטען און סעם לעווין. 22־24 יוקליד עווענין, טאראנטא.

פלאמבינג

מיט לייכטע אפצאלונגען
ווערט געמאכט ביי אייער פריינד

מ. לאיעווסקי

10 דיארסע סטריט
פאן קאל. 7747.

מ. טישלער

פלאמבער

ווינשט אייך בעקאנט צו מאכען, דאס ער וואהנט יעצט אין

1 ארטהור סטריט

טעלעפאן קאלעד׳ש 1276.
פלאמבינג היטינג און גאז פיטינג פינקטליך געמאכט.

פאטראניזט די איינציגע אידישע ווינדא קלינינג קאמפאני

מיר אטענדען צו אלער־האנד הויז, פעקטארי, אפיסעס און סטאר קלי־נינג. בעסטע ארבייט צו די בילינסטע פרייזען. מיר מאכען קאנטראק־טען מאנאטליך און יעהרליך. 10 טעראלי סטריט, טעלעפאן ערלייד 3087. ביינאכט און זונטאג טע־לעפאנירט קאלעדזש 4319

NEW YORK WINDOW CLEANING COMPANY, - 1 ADELAIDE EAST

א קאנצערט און דענס

צום גונסטען א קראנקען פאמיליע מאן
וועט שטאטפינדען

פרייטאג אווענד דעם 10 מארטש

— אין —

אדפעללאוס טעמפעל

229 קאללעדזש סט.

אראנזשירט פון פאלגענדע סאסייטיס. טאראנטא היברו בענעוואלענט סאסייטי, יאנגמענס היברו אססאסיאיישאן. דזשיי 6 סיק בענ. סאסייטי און סא־ניסייד לאדזש אדפעללאוס.

אלע פריינדליכע ארגאניזאציאנען. זיי־נען געבעטען ניט צו פארנעמען דיזען אבענד. און אויך אונטערשטיצען דיזע נאבעלע אונטערנעהמונג.

די קאמיטע.

דער 25 מארטש

איז פערנומען פון פאלקס־פעראיין פריינדליכע ארגאניזאציאנען זע־נען געבעטען צו געדענקען דיזען אבענד

בעדאנקען ווילסאנען פאר׳ן אידען טאג

פון דער סענטראל רעליעף קאמיטע פון ניויארק האבען מיר ערהאלטען א קאפיע פון דער דאנקזאגונג, וועלכע איז אבגעשיקט געווארען פון אלבערט לוקאס, עקזעקוטיוו סעקרעטער פון דער סענטראל צו פרעזידענט ווילסאן, אלס דאנק פאר בעשטימען דעם 27־טען יאנואר אלס א אידען טאג.

הער פרעזידענט: —

די צענטראל קאמיטע צו העלפען די אידישע מלחמה קרבנות בעט אייך אנצונעהמען דיזע גראווירטע קאפיע פון דעם סערטיפיקייט. וואס זי האט ארויסגעגעבען אין צוזאמענהאנג מיט אייער פראקלאמאציע צום פאלק פון די פעראייניגטע שטאטען, אויפפאדערענדיג זיי אלס בירגער פון דיזער נאציאן ביי צושטייערען צו די פאנדען, וועלכע ווערען גענאמעלט מיט דעם צוועק צו העלפען די פיין מיליאן אידען אין די מלחמה ראיאנען.

ווי איהר אליין האט ערקלערט, ליידען די אידען שרעקליכען נויט און אונגליק, און די מעהרסטע פון זיי זיינען געבליבען היימלאז אהן שפייז און קליידער.

די גוטע האנדלונג פון אייער עקסעלענץ איז געווען אן אונשעצבארע לייסטונג צו אונז ארבייט. די פרויען זיינען ניט אבגעשטאנען פון די מענער אין אנערקענען די וויכטיגקייט פון אייער פראקלאמאציע. אין פיער טעג האט זיך געגרינדעט א קאמיטע פון הונדערט, צווישען וועלכע פון ניו יארק, איז ארגאניזירט געווארען אלס דער פרויען פראקלאמאציאנס טאג קאמיטע פון דער צענטראל דזשואיש רעליעף קאמיטע. מען גלויבט, דאס דיזע קאמיטע וועט באלד האבען טהעטיגע ברענטשעס איבער דאס גאנצע לאנד. מיר פיהלען, דאס מיר דארפען אויף א פאסענדען אופן אויסדריקען אונזער אבשאצונג אייער מעכטיגע הסכמה.

די פעראייניגטע שטאטען אלס די פערטהיידיגערין פון די אונטערדריקטע אלס דער עיר מקלט צו וועלכע די אויגען פון די אונטערדריקטע און אלע לענדער ווענדען זיך איז היינט אנערקענט אלס די אידעאלסטע רעגירונג.

די רעזאלוציעס וועגען אונזער ליידענדע ברידער זיינען אין סענאט איינגעטראגען געווארען דורך אונזער קאמיטע, און מיר נעמען זיך די עהרע צו בעדרייקען אייך פאר אייער פראקלאמאציע וועלכע האט זייער צוגעהאלפען אלע קאמיטעס אין דעם קאלעקשאן פון דעם 27־טען.

דאס איבעריגע פון דער רעזאלוציע איז פערנומען מיט א דאנק דעם פרעזידענט פאר זיין פראקלאמאציע, וועלכע איז אן עפאכע־מאכענדע אין דער אידישער געשיכטע.

איין מאל איז יום טוב
איין מאל איז דא גימפעל ביניש דער שדכן
אין לירים טהעאטער



דיענסטאג אווענד דעם 22־טען פעברואר

איז דער עהרען אווענד פון אייער ליעבלינג סוברעטען סיידי שענגאלד
עס וועט געשפילט ווערען

גימפעל ביניש דער שדכן

גרויסע לאך־קאמעדיע אין 4 אקטען מיט פיעל געזאנג און טענץ.

דער באוואוסטער **חזן קאפלאן** וועלכער האט פארדיענט פאטראנייזט צו ווערען פון אלע אידען. — זיין אדדרעס איז 166 דזשאן סט. —רעוו׳ מ. קאפלאן מוהל ומסדר קדושין— טעלעפאן אדעלייד 1545, אפפיס טעלעפאן אדעלייד 239 (אדוו)

אבער׳ס

כשר
רעסטאוראנט
168 קווין סט. וו.
נעבען סימקא סטריט

סערווירט יעדען טאג פון 6 אוהר מארגענס ביז שפעט אין דער נאכט

רעגולאר ברעקפעסט, דיננערס און סאפפערס—(מילכיגע און פליישיגע)

ספעציעלע אויפמערקזאמקייט צו באנקעטען און טהעאטער פארטיעס.

ה. יאנאווער — טעלעפאן מיין 6886
א. ראזענפעלד — טעלעפאן קאלעדזש 5089

זיינען די

טאראנטא קאהל קאמפאני

—91 ענגעס סטריט — — — פאן אפיס עדעלייד 2029—

פערקויפען נור

ELIAS ROGERS CO'S. ANTHRACITE

יעדער לאט קוילען אדער האלץ, ווערט דעליווערט מיט ראדזשערס טיקעטס,—פיר קוואליטעט און וואג גאראנטירט.

מ. העלער

176½ קווין סט. וועסט טאראנטא



נייעס פאר אידען!
איין אידישע סטאר פאר אידען

מיר מאכען אלערליי דזשועלערי גלייך אויף׳ן פלאץ. חתונה רינגען געמאכט ווייל איהר ווארט. מיר פיקסען אלערליי דזשועלרי באר דעם בילינסטען פרייז.

14 קערעט חתונה רינגען 80 סענט א פעניוועיט. 18 קערעט חתונה רינגען $1.00 א פעני־וועיט.

וואטשעס געקלינט גוט און גאראנטירט, 40 סענט. מיין ספרינגס 40 סענט, הייר־ספרינג 40 סענט, דזשועלס 40 סענט, סטעמס 50 ס מיר מאכען אייערע אלטע דזשועלערי ווי נייע פיר א קליינעם פרייז. אלערליי ברילען ריכטיג געפאסט צו אייערע אויגען 98 סענט מיר גיבען אייך ראיעלע סחורה פאר דעם בילינסטען פרייז.

MEET ME AT THE FIRESIDE
Strand
YONGE NEAR KING
CONTINUOUS 10 AM. TO 11 P.M.
MATS 5¢-10¢ EVES 5¢ 10¢ 15¢

מאנטאג דיענסטאג מיטוואך
שפיעלט מען

„די גרייט דיווייד"

אין פינף טהייל.

די הויפט ראלען ווערען געשפיעלט פון עטהעל קרייטאן און הויז פעטער. פאטהי וועכענטליכע ערוועהלט קאמעדיע.

סימפאני מוזיק טעגליך

סעזאנייני סיטס רעזערווירט ביי טעלעפאן מיין 8345

HIPPODROMME

City Hall Square

אונאונטערבראכענע פארשטעלונג

הויפט אטטרעקשאן
ליטטעל היפ
דער וועלטס גרויסארטיגער ליליפושיאן עלע־פאנט אסיסטעט ביי נאפאלעאן
דאניעל און וואללערס, לופט ארטיסטען
ספעציעלע פילם פראדוקשיאן
סאראה בערנארדט־און דזשין דאר
ראדא און קראמפטאן רענטיים און אפערא זינגערס
מאסיע ראוללאנד, סינגינג קאמידיאן
לאפילארטשיאס, רוסישע טענצערס
ליליאן עטהעל נאררים און קאמפאניע אין
מילנישאנס
אז עכט אינטערעסאנטער אקט פול ריאליסטיש

ROYAL ALEXANDRA

בעסטע סיטס בלויז $1.00
צוויי מאטעניעס־ מיטוואך און שבת

ריטוירן וויזיט—די גאנצע וואך

די הויפט פון אללע אנדערע פיעסען

די קוויעניעס
„אדער דער אנטיק שאפ"

"The Quinney's or The Antique Shop"

די יעניגע וואס ווילען בייזיין צו א גר־טער פארשטעלונג און זיך גוט אמו־זירען דארף ניט פארפעהלען קומען

LOEW'S YONG ST. THEATRE

אונאונטערבראכענע פארשטעל.

12 מיטאג ביז 11 נאכמיטאג

די בעריהמטע בראדוויי ליעבלינגע די שוועסטער קיירטני דאס צוריקקעהרען פון דעם גרויסען ליעבלינג נעיל מעקינלי „שיפען וואס בעגעגענען זיך ביי נאכט"

וויכטיג פיר טאראנטער

די זיכערסטע הילף פאר קאפ שמערצען און נער־ווועזקייט איז אויסצובע־סערען די זעהונגס קראפט ווען ס. ראבקין, דער אלטער פראקטיקער אין פהיזיקאל אפטיקס וועט אויסבעסע־רען אייערע אויגען מיט פאסענדע גלעזער וועט איהר זיכער געהאלפען ווערען.

12 יאהר אין טאראנטא בעוואוסט אלעס א ספעציאליסט אין אונטערזוכען אויגען, און אין צופאסען ברילען.

גלעזער פון $1,00 און העכער
צופרידענהייט גאראנטירט

ס. ראבקין

אויגען ספעציאליסט 660 באטהורסט סט. קארנער הארבארד, טעלעפאן קאלעדזש 1270

אפיס שטונדען ביז 9 אוהר אבענדס און ביי אפאינטמענטס.

אויפמערקזאם
לידיס - טיילארס

די וויכטיגסטע זאך אין אייערע ביזנעס איז צו מאכען גאר־מענטס מיט א פוירפעקט פיט. — כדי דאס צו טהאן מוזט איהר האבען פאלקאמענע פארמס. די

דייל ברענד

געמאכט צו פאסען קאנאדיען פרויען פאר דעם קאנאדער מאנופעקטשורער איז דער פארם וואס איהר דארפט.

- DALE -
WAX FIGURE CO. Ltd.
106 FRONT ST. E.

טעלעפאנס:
מיין — — — 3023
דזשאנקשאן — — 1923

די טאראנטא עלעקטריק סופליי קא.

מאכט אלערליי עלעקטרישע ארבייט, צו פאר די טאראנטא עלעקטריק צו פאר די הידרא עלעקטריק אין רעפערינג צו די ביליגסטע פרייזען.

טעלעפאנירט מר. קעמין דעם אידישען מענעדזשער אדעלייד 3527 אדער אדע־לייד 2223.

אדרעס 92 קווין סט. אדער 509 קווין סטריט וועסט.

אויך פערקויפען מיר אלערליי עלעק־טרישע פיקטשורס און סופליים אין לעמפ לאך צו די בילינסטע פרייזען. האנדעלט מיט אונז און איהר וועט זיין צופריעדען

אלע ארבייט איז גאראנטירט ביי די קאמפאניע.

THE TORONTO ELECTRIC SUPPLY CO.
92 QUEEN STREET WEST
Tel. Adelaide 3527
Manager's Residenec 509 Queen S W.
Phone Adel. 2223